# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 145 - Spring 2005 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1vv7d8mw

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 145(1)

### Publication Date
2005

### Copyright Information
Copyright 2005 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 145

**פרילינג**
**תשס"ה**

**SPRING**
**2005**

## זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט
צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען
די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק
צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס
פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**ARBETER RING/**
**THE WORKMAN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט



# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN,**
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN, J. SOSKI**

## אינהאַלט

י.ל. פרץ: (ליד) ... 3
מ.ש.: *** ... 4
ל. מייזנער: מחשבות אין אַ רעגנדיקן טאָג ... 5
מ. שטערן: (לידער) ... 9
מ. בן שלמה: די יידישע נאַציאָנאַלע פאָן ... 11
ל. פראָלאָוו: אַ טראַגישע באַגעגעניש (דערציילונג) ... 14
פּ. פלאָטקין: (לידער) ... 24
מ. וואָלף: שמעון וויזענטאַל, דער יעגער נאָך צווייפיסקע חיות ... 27
א. שפּירא: יחיאל-ישעיה טרונק ... 34
ר. באַסמאַן-בן-חיים (ליד) ... 40
י.י. טרונק: טיטוס און יאָזעפוס (פראַגמענט) ... 41
מ. שקליאַר: (לידער) ... 45
מ. אייזענבוד: אַ שטעטעלע, האַ? (דערציילונג) ... 47
מ.ד. חייט: דער שטערן פון דער יידישער עסטראַדע ... 51
ע. פישבין: ווען נישט מאָדיליאַני ... 56
מ. שקליאַר: אברהם קאַרפּינאָוויטש און זיינע העלדן ... 62
ג. סלוצקי-קאהן: (ליד) ... 67
א.ביידער: (עפּיגראַמען) ... 67
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ... 68
* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור-קלוב ... 69

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 145

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור-פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
יעקב לעווין, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יוסף סאָסקי
נתן שטיינמאַן

60-ער יאָרגאַנג, נומער 145 • פרילינג 2005 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

י.ל. פּרץ

צום 90-סטן יאָרצייט (1852-1915)



## האָף און גלייב

האָף! נישט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס'וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען!
נייע נעסטן, נייע פייגל;
וועלן נייע לידער זינגען; -

גלייב, די נאַכט וועט שוין פאַרשווינדן,
און די וואָלקן אויך צערינען,
בלוי וועט ווייטער זיין דער הימל -
נייע שטערן, נייע זונען!

נייע רויזן, נייע בלומען
וועקט דעם פרילינגס זיסער הויך
עס וועט שיינען, שמעקן, זינגען!
און - אויף אונדזער קבר אויך...

* * *

מיטן איצטיקן נומער "חשבון" טרעטן מיר אַריין אינעם 60-סטן יאָרגאַנג. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט עס אוודאי געווען אַ געלעגנהייט פאַר פייערונגען, באַגריסונגען, אָפּשאַצונגען אד"גל. נאָר איצט איז נישט קיין צייט אויף פייערונגען, עס איז גיכער אַ צייט אויף דערמאָנונג; דערמאָנונג פון אַ טראַגישער און העראָישער עפּאָכע.

צוויי וויכטיקע היסטאָרישע דאַטעס מערקן מיר אָפּ היינטיקס יאָר, דאַטעס, וואָס פאַרטונקלען אַלע אַנדערע געשעענישן פון דער צייט. אין חודש יאַנואַר איז געוואָרן 60 יאָר זינט דער באַפרייונג פון אוישוויץ, דעם נאַצישן טויט-לאַגער, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך דעם גאַנצן סיסטעם פון דער דייטשישער מאָרד-מאַשין, וועלכע האָט אין פייער און רויך אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, פונקט ווי דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אין אַפּריל 1943, סימבאָליזירט מיט זיך דעם מוטיקן ווידערשטאַנד און קאַמף פון די יידן קעגן דעם נאַצישן מאָנסטער. דער דאָזיקער אָנדענק-טאָג האָט ענדלעך באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם. די וועלט, וועלכע האָט איינגענומען אַ שטומעניש בעת די היטלערישע מאָרד-מאַשין האָט געאַרבעט אויף דער גאַנצער פאַרע און מיליאָנען יידן זענען אַוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריע-אויוונס; אָט די וועלט האָט לסוף געעפנט דאָס מויל. אַ ספּעציעלע סעסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט דערמאָנט די אָנדענק-דאַטע פון דער באַפרייונג פון אוישוויץ; אָנדענק-פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע לענדער, און דער אַפּאָטעאָז איז געווען די פייערלעכקייט אין אוישוויץ גופא, דעם 27-סטן יאַנואַר ה"י, ווו עס זענען זיך צונויפגעקומען די העכסטע פאָרשטייער פון אַ ריי מלוכות, בראש מיטן פרעזידענט פון מדינת ישראל משה קצב.

דאָס אַלץ פאַרמינערט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז די זוימען פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס דער נאַצי-רעזשים האָט פונאַנדערגעטראָגן איבער דער וועלט, וואַקסן ווידער אַרויס פון אונטער דער ערד, און דער שטעכיקער צייכן פונעם האַקנקרייץ באַווייזט זיך אויף ס'ניי אויף יידישע מצבות און אויף ווענט, ווו ער איז מיט דער כ'וואַליע פון נצחון פאַרוואַשן געוואָרן מיט זעכציק יאָר צוריק, ווען די ברוינע בעסטיע איז דערשלאָגן געוואָרן אין איר בערלינער נאָרע. מוזן מיר דעריבער שטענדיק זיין וואַכזאַם, מיר, די שארית הפליטה און די יורשים פון די אומגעבראַכטע אין די געטאָס און טויט-לאַגערן, און וואָרענען די וועלט, אַז דער באַציל פון אַנטיסעמעטיזם באַדראָט נישט בלויז אונז, יידן, נאָר דעם גאַנצן מין מענטש! מיר טאָרן נישט אויפהערן דערמאָנען און וואָרענען: געדענקט אוישוויץ!

און געדענקען און דערמאָנען דאַרפן מיר אויך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט, די צווייטע היסטאָרישע דאַטע, וואָס מיר האָב פאַר זיך - זעכציק יאָר נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. דעם 9-טן מאַי ה"י וועלן אין מאָסקווע, אין דער הויפּטשטאָט פון רוסלאַנד, וואָס האָט אויסגעטראָגן די גרעסטע לאַסטן פון דער מלחמה קעגן היטלער-דייטשלאַנד, זיך פאַרזאַמלען פאָרשטייער פון די זיגער און באַזיגטע, כדי דערמאָנען יענע טראַגישע און העראָישע טעג און אָפּגעבן כבוד די העלדן פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמף.

זעכציק יאָר זענען פאַרביי זינט יענער צייט, ווען די וועלט האָט פרייער אָפּגעעטעמט נאָכן אַנטשוויגן ווערן פון די קאַנאָנען. צי זענען זיי אָבער אַנטשוויגן געוואָרן? וויפל

(המשך ז' 9)

לילקע מייזנער

# מחשבות אין אַ רעגנדיקן טאָג (עטיוד - 2004)

*פּאַר אונדזערע אייניקליך אהרן,ברייען (ברוך) מעגאַן - אַז זיי זאָלן זען דורך די אָפענע און צוגעמאַכטע טירן - די פאַרשווונדענע וועלט.*

דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן זייער פרי. שווערע, גרויע וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם הימל און געלעגן אויף דעם פריערדיקן בלוי, ווי שווערע בלייערנע קורטינעס. דער ווינט איז אָנגעקומען פּאַמעלעך, שוואַכלעך און מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גרויסער זאַווערוכע, געקערט די בלעטער אין אַ מאָדנעם בלעטער-טאַנץ. עס האָט זיך געענדערט די גאַנצע דרויסנדיקע פּאַנאָראַמע און אַ מאָדנע שטימונג פון אומרו האָט זיך אַריינגעגנבעט אין מיין נשמה. די שטוב איז געוואָרן טונקל - נישט היימיש. פון מיין פענצטער האָב איך געזען ליכט-פּאַסן, וועלכע האָבן זיך באַמיט אַדורכצורייסן דורך דער רויקייט, אָבער שנעל פאַרשטעלט געוואָרן פון די האַמעטנע וואָלקנס. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, נאָר די באַוועגונג אויף דער גאַס איז ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן. פּאַמעלעכער זיינען די אויטאָס געפאָרן און אַ בילד פון "שטילעבן" איז מיר געקומען אין זין. פּלוצלונג האָבן טראָפּנס רעגן אָנגעהויבן צו פאַלן. צוערשט פּאַמעלעך, קליינע דורכזיכטיקע וואַסער-שטערנס, און דאַן - פאַרגרעסערט דעם טעמפּאָ, און מיט אַ מאָדנער רוגזה גענומען פאַלן וואָס אַמאָל שטאַרקער, שטאַרקער, גרעסער און גרעסער, געקלאַפּט אין די שויבן און טירן. די מעטאַלענע רינוועס זיינען געוואָרן פויקן, אינסטרומענטן, וואָס האָבן ריטמיש אָפּגעהילכט יעדן וואַסער-טראָפּ מיט אַן עכאָ, און אַ ווילדער טאַנץ פון ווינט, רעגן, און בלעטער האָט זיך אַנטוויקלט פאַר מיינע אויגן. די קלאָרע וואַסער-טראָפּנס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גרויסע לוזשעס און יעדער אַראָפּפאַלנדיקער טראָפּן האָט געשאַפן רינגען, גרעסערע און קלענערע, וואָס זיינען נאָך אַ פּאָר סעקונדן פאַרשוווּנדן, און ווידער האָט זיך דער טראָפּן-קרייז אָנגעהויבן, און אַזוי אָנגעגאַנגען פאַר אַ לאַנגער צייט.

כ'האָב זיך דערמאָנט די "רעגן-עטיוד" וואָס דער גרויסער שאָפּען האָט געשאַפן ווען ער איז געווען אין מאַיאָרקאַ, קוקנדיק אויף אַ רעגנדיקן-נאָכמיטאָג. וויפל נאָסטאַלגיע איז דאָ אין דער מעלאָדיע, וויפל ווייטיק און בענקשאַפט - און איך האָב נאָך מער פאַרשטאַנען די טענער, וועלכע האָבן זיך אַנגעזאַמלט אין זיין האַרץ - און אין דעם מאָמענט אין מיינעם. דער ריטמישער קלאַנג, די גרויקייט פון פירמאַמענט, די נאַסע בלעטער באַדעקטע מיט טראָפּנס, ווי טרערן, טרערן פון אומעט, פון פרייד, פון האָפענונג, פון ווייטיק, ליבע און בענקשאַפט - אַזאַ איבערפלוס פון געפילן! אין מיין רעגנדיקן געמיט-צושטאַנד איז מיר מיט אַמאָל געקומען אויפן געדאַנק - אַ טיר, טירן... מיין שטוב איז געווען פאַרמאַכט, ס'איז מיר גוט געווען אינעווייניק אין מיינע פיר ווענט - די טיר האָט מיך אָפּגעטיילט פון דעם אַרום, פון דרויסנדיקן רעגנדיקן טאָג, פון ווינט און שטורעם, פון פאַלנדיקע וואַסער-טראָפּנס. אַ טיר, אַ פּשוטע הילצערנע טיר, וואָס איז געוואָרן אַ וואַנט - צווישן דאָ און דאָרטן...

אַ טיר! טירן וואָס טיילן אָפּ, טירן וואָס פאַראייניקן - טירן, וואָס לאָזן אַדורך דורך זייערע שפּאַרונעס ליכטשטראַלן און שאַפן גאָלדיקע שאָטנס, טירן אונטער וועלכע ס'קומען פאָר סודותדיקע שמועסן און ליבע-צערטלעכקייטן, וועלכע בלייבן אויף אייביק פאַראַנקערט אין דיין האַרץ — און טירן, וועלכע שלינגען איין יסורים, אויסגעשרייען

פון ווייטיק און פּיין! טירן, צו מענטשלעכע גיהנומס! און טירן, פאַרשלאָסענע, ווו שווערע שלעסער האַלטן זיי פאַרמאַכט און קענסט זיי ניט עפענען - און זיי - זיי זיינען דיר געבליבן אין זכרון - און קומען דיר צו חלום, ווי גייסטער פון אַ פאַרגאַנגענער צייט.

די טירן מיט די גרויסע שלעסער האַלטן די געשיכטע פון דיין פאַרגאַנגענהייט, פון דיין וועזן, פון אַ לאַנג פאַרגאַנגענער צייט, אַ לאַנג פאַרלאָשן לעבן - נישט נאָר דיין, נאָר פון דיין גאַנצן אַרום. און טירן אָפענע, וועלכע וויגן זיך אין אַ מאָדנעם מאָנאָטאָנעם ריטעם אויף זייערע מעטאַלענע זאַוועסעס, און דורך די אָפענע שפּאַרונעס זעסטו טייל מאָל אַדורכרייסנדיקע זיך זון-שטראַלן, אָדער גאָר שוואַרצקייט - שוואַרצקייט פון נאַכט, פון שאָטן, פון שרעקלעכער פוסטקייט און פאַרגליווערטקייט, ווי אַלץ וואָלט פאַרפרוירן געוואָרן אין צייט און געשאַפן אַ דימענסיאָנעל בילד פון אַמאָל און היינט, פון געווען - און מער נישטאָ.

וועגן אָט די טירן טראַכט איך היינט. איך זע זיי פאַר מיינע אויגן, אַזוי דייטלעך, אַזוי קלאָר - זיי זיינען ממש דורכזיכטיק און מאָנען ביי מיר, מיט דעם נישט דערהערטן געשריי פון שאָטנס. שאָטנס, הינטער די זיך וויגנדיקע טירן. דאָרט, הינטער די טירן, איז אַמאָל געווען לעבן. דאָרט האָט געאָטעמט מיט פרייד און טרויער, מיט קינדערישן געלעכטער און געוויין - דאָרט, האָט אַ מאַמע געוויגט איר פּיצעלע - און געזונגען וויגלידער, אָדער גאָר, מיט איין פוס באַוועגט דאָס וויגעלע און מיט די הענט גענייט קליידער. דאָרט, ווו די טירן הענגען איצט אָפן - הערשט שוואַרצקייט. טישן פוסטע, שטולן ליידיקע. דאָרט הויזט איצט די פאַרגאַנגענהייט, די פוסטקייט - און זיי וואַרטן, וואַרטן! איך האָב געזען די טירן... און זיי זיינען איינגעקריצט אין מיין זכרון. טייל טירן קען איך עפענען - און טייל, זיינען פאַרשלאָסן אויף אייביק...

דער שטאָטישער מאַרק איז געווען באַזעצט מיט מענטשלעכע שאָטנס. לעבן יעדן שאָטן איז געשטאַנען אַ פּעקל. לעבן יעדן פּעקל איז געזעסן נאָך אַ שאָטן און געוואַרט... שטיל - מען האָט נישט געהערט קיין אָטעם, געזען נאָר אויגן צעשראָקענע, ווייטע, פאַרגליווערטע - אַלע קינדער האָבן אויפגעהערט צו וויינען. פון צייט צו צייט האָט אַ נאַהייקע אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ שוואַרצן שטיוול און איבערגעריסן די נישט נאָרמאַלע שטילקייט. מיט אַמאָל האָט זיך די דעקאָראַציע פון מאַרק געענדערט. שאָטנס האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַוועגן, יאָגן זיך, שטופּן איינער דעם אַנדערן. די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ שרעקלעכן געיאָמער, אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם, וואָס איז געבליבן הענגען אין דער לופטן און אָפּגעהילכט מיט אַן עכאָ. די שוואַרצע שטיוול האָבן אָנגעהויבן צו רירן זיך פון אָרט, אַרומגעגאַנגען צווישן די פּעקלעך וואָס זיינען געלעגן אויף דער האַרטער שטיינערנער מאַרק-ערד - זיי האָבן מיט די שפּיצן גענומען וואַרפן די פּעקלעך. שאָטנס האָבן פאַרשטעלט די קינדער מיט זייערע קערפּערס... דער מאַרק איז כמעט ווי ליידיק געוואָרן - מיר זיינען דאָס מאָל געווען "געראַטעוועט". די "סעלעקציע" האָט אונדז אַדורכגעלאָזט...

די טרעפּ צו אונדזער בוידעם-שטיבל האָבן מאָדנע געסקריפּעט. עפּעס אַזוי ווי אַ מענטשלעכע פּיין וואָלט פון זיי זיך געהערט. אַלע דריי טירן פון אונדזערע מיטוווינער זיינען געשטאַנען אָפן, אָדער האַלב-אָפן. דער אַרום איז געווען פינצטער. די טיר פון אונדזער נאָענטסטן שכן האָט זיך געוויגט הין און צוריק, ווי אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט זי געשטופּט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט. מידע אַוועקגעזעצט זיך

אויף די סקריפּענדיקע טרעפּ. קיינער איז נישט צוריקגעקומען! דורך דער שוואַרצקייט געזען די קליינע וויג פון קינד, דעם טיש, דאָס בעט. אין ווינקל - אַן אומגעוואָרפענע שטול, ווי אימיצער וואָלט מיט אימפּעט זיך אויפגעשטעלט. ווי שוואַרץ קען זיין אַ שוואַרצע נאַכט? ווי שטיל קען זיין שטילקייט? אין דעם מאָמענט איז דאָס געווען די פאַרגליווערונג פון "געווען" - ווו זיינען זיי?... און די טיר האָט זיך געוויגט הין און צוריק, הין און צוריק! דורך דער שפּאַרונע האָט זיך אַדורכגעריסן אַ מין גרויקייט. כ'ווייס נישט פון ווו זי איז געקומען. אַזוי ווי איין גרויסער גרויער שאָטן האָט אַרומגענומען מיט אומגעזעענע אָרעמס דעם אַרום... די טיר האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט, געוויגט...

...די דריטע טיר איז געווען אַן אויפגעפּראַלטע, אַזוי ווי אימיצער וואָלט מיט כוח זי אויפגעמאַכט אין דער גאַנצער ברייטקייט. דאָרט האָבן געווינט פריידל און משה - מיר זיינען צוזאַמען מיט זיי אָנגעקומען אין דער שטאָט פון אונדזער געצוווּנגענער פאַרשיקונג. דאָס עלעקטרישע לעמפּל וואָס איז געהאָנגען אויף אַ לאַנגן דראָט האָט זיך ריטמיש געוויגט. מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די טרעפּ, אַריין אין זייער "צימער" און אַרויפגעפאַלן אויפן בעט -מיר זיינען אָפט געזעסן צוזאַמען. אין שווערע אָוונטן האָבן מיר לידער געזונגען, אָדער דערמאָנט זיך פאַרגאַנגענע טעג. פריידל און משה האָבן געהאַט פרעכטיקע שטימען. זייער רעפּערטואַר איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער. איך הער איצט זייערע שטימען, די ווענט זיינען אַדורכגעזאַפּט מיט זייער געזאַנג און די ווערטער הילכן אָפּ אין דער שווערער פּוסטקייט. אין דמיון, זינג איך מיט זיי - איך וויל זיי אַרומנעמען, צוטוליען זיך צו זיי און זאָגן - אַלץ וועט אַריבערגיין, מיר וועלן צוריק געפינען דעם וועג אַהיים! און דער מאָרגן, דער מאָרגן וועט זיין אַ בעסערער...

אויפן בעט איז געלעגן פריידלס קלייד, אונטער דעם בעט – משהס שיך – שטומע עדות פון אַן אָקערשט פאַרלאָשן לעבן. די אָפענע, ברייט צעפּראַלטע טיר איז געווען דער שטומער עדות פון אַ לעבן, וואָס איז ברוטאַל פאַרגאַנגען. דאָס צאַנקענדיקע עלעקטרישע לעמפּל האָט זיך געוויגט פאַמעלעך, ווי אַ נר-תמיד נאָך אַ לעבן, נאָך פריידלס און משהס לעבן. די אויפגעפּראַלטע דריטע טיר האָט געשריען שטומערהייט.

...דו ביסט געשטאַנען הינטער דער אָפענער טיר. גלייך אין מיטן - דיינע בלויע אויגן זיינען געווען דורכזיכטיק. דיין יונג פּנים, אַדורכגעוועבט מיט אַ ליכטיקן שמייכל. מיין שפּיטאָל-בעט איז געווען אָפּגערוקט פון דער טיר איך האָב אויסגעצויגן מיין דאַרע האַנט און געוואָלט דערגרייכן דיינע, נעמען דיינע פינגער און גלעטן זיי, צערטלען און צוטוליען זיי צו מיין אויסגעצערטן גוף, עס זאָל זיין לייכטער. דו האָסט נישט געטאָרט צוגיין נענטער. האָסט דיינע ביידע הענט צווישן דער טיר אויסגעשטרעקט און אין דעם מאָמענט האָב איך זיי געפילט. האָסט געשוויגן, נאָר דיינע אויגן האָבן גערעדט. בלויז איך האָב געהערט די ווערטער – נישט דער אַרום. האָסטו געהערט מיינע, ברודער טייערער? די טיר האָט אונדז אָפּגעטיילט און איך האָב געווייטיקט. איך האָב אַזוי געוואָלט דיך אַרומנעמען, געוואָלט האַלטן דיין קאָפּ אין מיינע אָרעמס און גלעטן, גלעטן די קאַשטאַן-ברוינע האָר – און נישט געקענט דערגרייכן... זיינען מיינע הענט געבליבן הענגען אין דער אומגעזעעגער ליידיקייט. דו ביסט נאָך אַלץ געשטאַנען אין מיטן פון דער האַלב-אָפענער טיר אַזוי ווי אַ רעם וואָלט אַרומגענומען דיין געשטאַלט און פאַראייביקט עס אויף שטענדיק: "מיין ברודער אין אַ טיר-רעם".

...איך האָב אַרויסגעקוקט דורך דעם פענצטער, אויפגעשטעלט זיך פון שטול, אויסגעגלייכט דעם רוקן און געוואָלט איבעררייסן די רעגן-מחשבות. דער ווינט האָט נאָך אַלץ געוואָיעט און די ליכטפּאָסן זיינען געוואָרן העלער. דער הימל פון דער אַנדערער זייט איז געווען גרוי, בייז, אומרויק. איך בין צוריקגעגאַנגען צו מיינע פּאַפּירן - מיינע "טירן" זיינען נאָך אַלץ געווען טיילווייז אָפן. מיין מאַרשרוט נישט קיין געענדיקטער. די געדאַנקען זיינען אָנגעקומען מיט אַ מאָדנעם טעמפּאָ.

...דו האָסט אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר. איך האָב געעפנט, האַלב-געעפנט. שנעל האָסטו מיר איבערגעגעבן די נייעס. איך האָב גלייך געוואָלט צומאַכן די טיר נאָר דו האָסט נישט געלאָזט. מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. דיינע גרויע אויגן זיינען געווען קלאָר און אַ מאָדנער שטילער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף דיין פּנים. דיין טשופּרינע איז געווען ברוין-שוואַרץ. איך האָב ברייטער אויפגעעפנט די טיר. ביסט אַריבער די שוועל, דיינע ווערטער זיינען געווען אָפּגעריסענע. האָסט דערציילט וואָס דו האָסט באַהאַלטן אונטער דיין פּאַדלאָגע - איך האָב צוגעמאַכט די טיר. פון דער ווייטנס האָבן זיך געהערט שווערע מיליטערישע טריט. דער אָוונט איז צוגעפאַלן גאַנץ שנעל. דו האָסט געדאַרפט גלייך פאַרלאָזן די שטוב. ביסט צוגעגאַנגען נענטער, דיינע אָרעמס האָבן מיך אַרומגענומען, מיין קאָפּ האָט גערוט אויף דיין ברוסט-קאַסטן. פּאַר אַ וויַיל האָט די הילצערנע טיר אונדז אָפּגעטיילט פון דער דרויסנדיקער מוראדיקערווירקלעכקייט. ס'איז אונדז גוט געווען! האָסט שטיל געעפנט די טיר, און ביסט אַרויס. איך האָב פאַרמאַכט די טיר פּאַמעלעך, געוואָלט איינהאַלטן דעם מאָמענט. דער מאָמענט האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע פופציק יאָר! ביז די טיר האָט זיך פאַרמאַכט אויף אייביק...

דער חלום חזרט זיך איבער פון צייט צו צייט מיט אַ געוויסער רעגלמעסיקייט. איך שטיי פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר, אַ גרויסע שווערע טיר, וואָס איז פאַרשלאָסן מיט אַ גרויסן שווערן שלאָס און פאַרלייגט מיט אַן אייזערנעם פּרענט. איך בין אַזוי מאָדנע קליין, ווי אַ שרעטעלע. די טיר איז גרויס און שווער - ס'איז מיין טיר. ס'איז אונדזער טיר. דאָרט, פון יענער זייט טיר, איז געווען מיין קינדהייט. דאָרט האָט געענסטיקט די פאַרגאַנגענע צייט. אין חלום פּרוביר איך עפענען די טיר, רייסן דעם שלאָס, אַראָפּנעמען דעם שווערן פּרענט און צוריק אַריינגיין אין מיינע ווענט, אין מיין וועלט פון גליק און וואַרעמקייט. צוריק זיצן ביי דעם גרויסן הילצערנעם שווערן טיש, הערן דעם געקלימפּער פון טעלער, זען די פּנימער, וועלכע זיינען מיר אַזוי טייער, וועלכע האָבן מיך אויף דער וועלט געבראַכט. הערן זייערע שטימען, דעם געלעכטער, געוויין, ווערטער, ווערטער, וואָס זיינען שטענדיק אָנוועזנדיק געווען! כ'וויל נאָך אַמאָל זען מיין ווינקל, דאָס ווייסע בעט, דאָס קליינע טישעלע. כ'וויל זען ברוינע, הילצערנע הוידל-פערד, אויף וועלכן דו, מיין ברודער, ביסט געזעסן און אין ווינקל פון שטוב - דיין פּאָרטרעט אין דער בלויער מאַטראָסן-בלוזע - כ'וויל נאָך אַמאָל זען די רויטע גלאַנציקע פּאַדלאָגע, אויף וועלכער מיר האָבן זיך געגליטשט, און די שווערע ביכער-שענק, וואָס זיינען אַזוי גרויזאַם געשענדט געוואָרן פון די דייטשע איבער-מענטשן. כ'וויל הערן דאָס געזאַנג פון טאַטע מאַמע, די טענער פון "טאָסקאַ" און לידער פון רעוואָלוציע. עפן זיך, פאַרשאָלטענע טיר! לאָז מיך אַריין - כאָטש אויף איין מינוט, איך זאָל נאָך אַמאָל פילן דעם אַרום, דעם פאַרלאָרענעם אַרום, דעם נעכטן, און איינעטעמען אין זיך אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען. אַלע מיינע "אַמאָלן".

פאַרוואָס זע איך דיך נאָר ווען דו ביסט פאַרשלאָסן? איז אַלץ פאַרגליווערט דאָרט?

(המשך ז' 33)

מנחם שטערן

# אַ בייגעלער פּאַפּיר

פון נאָענטן פּאַפּיר-מאַרק
איז געקומען צו מיין טיר
אַ בייגעלע פּאַפּיר
און ווי אַ טויב
געוואָרקעט אין ווינט
מיט אַ בעטנדיקע שטימע:
"כ'קען מער נישט פאַרטראָגן
דעם טומלדיקן מאַרק

און די פּוסטע, נישט-פאַרשריבענע
שטויסן פּאַפּיר וואָס ליגן
ווי שווערע שטיינער אויף
אַ באַרג.
מיר וועט זיין ליבער
דיין שטילער טיש
ביי וועלכן שפּינסט
דיינע חלומות, דיכטער שטערן.

הייב מיך אויף ליבער פריינד
פון ערדס זאַמד און שטויב
און שרייב אויף מיר אַ ליד
און איך וועל דיר זינגען אַ לויב.

# אַ יידישע צייטונג

מיט אַ יידישע צייטונג אונטערן שירעם
כ'איל אַהיים דורך ווינט און רעגן.
דער ווינט באַמיט זיך אַ כאַפּ טאָן
דעם בלאַט
און פון די ברוינע וואָלקנס האַסטיקער
גאָס,
נעמט רינען אויף אות נאָך אות.
נעבן צוויי דיקע מויערן ווי באַהאַלטן

איך שטיי אין גרויען ווינקל פון שטאָט
ווו כ'בין שטיל מתפלל צו ג-ט:
"כ'בעט דיך, שטאַרק דעם דינעם שירעם
און די דונערדיקע וואָלקנס
און ווינטן צוים,
און העלף ברענגען דעם יידישן בלאַט
אין אונדזער הויז
פון דיין שטורעמדיקן רוים!"

(סוף פון ז' 4)

*מלחמות, קלענערע און גרעסערע, זענען שוין פאַרגעקומען אין אַלע עקן וועלט, און קומען אַלץ פאַר אונדזערע אויגן, אין אונדזערע טעג? וויפל מיליאָנאן קרבנות האָבן זיי פאַרשלונגען, די קליינע און גרעסערע מלחמות?*

*מוזן מיר זיך פרעגן, זיך אַליין און אַלע אונדזערע מיטמענטשן - ווען וועט עס נעמען אַ סוף דערצו? וויפל נאָך יאָרצענדליקער, יאָרהונדערטער, וועלן מענטשן זיך קעגנזייטיק הרגענען אויף אונדזער שיינער ערד, וואָס איז געגעבן געוואָרן צום לעבן און געניסן פון לעבן?*

*מיט די דאָזיקע גורלדיקע פראַגן שפּאַנען מיר אַריין אינעם זעכציקסן יאָר פון אונדזער "חשבון", וויסנדיק, אַז קיין ענטפער וועלן מיר סיי ווי נישט באַקומען. נישט פון זיך אַליין און נישט פון קיינעם. בלייבט אונדז בלויז דער פרץ-דעוויז: האָף און גלייב!*

**מ.ש.**

## חלום פון אַ פידל ביינאַכט

אין אַ פידלערס נאַכטיקע ד׳ אמות
אַ פידל הענגט אויף דער וואַנט
און חלומט פון מעלאָדישע גאָמעס
און שפּילערס צאַרטער האַנט.

כאָטש ס׳איז חושך-פינסטער אין שטיבל
און דער פידל הענגט אויף שאַרפן האָק,
דאָך הערט ער באַגלייטערס קלאַנגען
ווי בעתן שפילן אויף אַ פעלד
וואָס איז פול מיטן רויש פון בלומען

און זאַנגען
און ער זעט לאַנגע רייען קעפּ
וואָס פאַרנייגן זיך מיט אַ דאַנק...

און ער באַמיט זיך אויפצוועקן
דעם פידעלר
וואָס ליגט אין בעט קראַנק און מיד,
ער זאָל אויסשפילן דאָס פיינלעכע ליד
וואָס ער האָט נישט אויסגעשפילט
דורכן טאָג.

## ווי אַמאָל

ווי אַמאָל אין די קינדער-יאָרן
מיט וווּנדער אין די אויגן
שטיי איך פאַר אַ הויז ווו מ׳שפילט שאָפען
ווי אויפן ברעג פון אַ בלוי טייכל
וואָס שטראָמט אַרויס
פון אַ האַרבסטיק-גילדענעם וואַלד.

ווי אַמאָל אין די קינדער-יאָרן
שטיי איך פאַרגאַפט
פאַר דער זוניקער שויב
בעת דיין גאָב – דאָס ערשטע ליד
האָט אויף מיר גענידערט
ווי טוי אויף אַ זומערדיקן סאָד.

## אַז איך בין

אַז איך בין אין סאָד, פעלד און וואַלד,
רעדן צו מיר דיביימער און קוסטעס
גלייך איך וואָלט געווען זייערס אַ ברודער,
אַ טיף-וואָרצלדיקער, פאַרחלומטער בוים
מיט צעוויגטע צווייגן און זינגענדיקע בלעטער,
אין שטערן-געצונדענע נעכט
אין סודותדיקייט פון הימל-רוים.

איר מעגט לאַכן פון אַ דיכטער
אין מיינע עלטערע יאָרן
וואָס קומט אַהער פון אַ רעשיקער, שטייניקער שטאָט
זיך צוהערן צו ביימער און קוסטעס שפּראַך,
צום האַרבסטיקן, ווינטיקן בלעטערפאַל,
און צום צערפולן אָפּרייס-רויש

פון גרויע באַרן און גילדענע עפּל
וואָס פאַלן מיט מעלאַנכאָלישן סטוק
אויף ווייכן, טרויעריקן גראָז.
אָ, גאָר זעלטן הער איך אין ווינט
דעם סאָדס קינדיש-פריילעכן לאַך...

משה בן שלמה זאב (וואָלף)

# די יידישע נאַציאָנאַלע פאָן, איר געשיכטע און באַטייט

פון מיינע פריעסטע קינדערישע איבערלעבונגען האָט זיך פאַרקריצט אין מיין זכרון די יידישע פאָן - די בלוי-ווייסע פענדעלעך מיט וועלכע מיר, קליינע קינדערלעך, פלעגן זיך באַטייליקן אין די הקפות בעת שמחת תורה. ס'פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויסע פרייד. דערנאָך, צוזאַמען מיט אונדז, האָט די פאָן געוואַקסן". אין אַ גרעסערער מאָס האָט זי אונדז, יידישע קינדער, באַגריסט ווען מיר פלעגן אָנקומען אין די העברעישע שולן און גימנאַזיעס. יעדע פייערונג פלעגט זיך אָנהייבן מיט דעם אַריינטראָגן אין צענטראַלן זאַל דעם "כחול ולבן". געטראָגן האָט די פאָן דער העכסטער בחור אין באַגלייטונג פון צוויי בעסטע שילערס, וועלכע פלעגן ריטמיש קלאַפּן אין די פּייקלעך, געבנדיק צו וויסן, אַז מיר דאַרפן אויפשטיין און אַזוי אַרום באַערן די פאָן. אָבער במשך פון לאַנגע יאָרן האָט קיינער פון אונדז און קיינער פון אונדזערע עלטערן ניט געוווסט די געשיכטע פון דער יידישער פאָן און איר באַטייט. קיינער פון אונדז האָט זיך ניט פאַרטראַכט אין דעם דאָזיקן ענין. אויך אין אונדזער צייט, ווען אין די דעמאָקראַטישע לענדער פון אונדזער דיאַספּאָרע, בעת יעדער יידישער נאַציאָנאַלער פייערונג, ווי אויך אין יידישן לאַנד, אין די נאַציאָנאַלע יום-טויב-טעג (יום העצמאות; יובל-טעג פון דער באַפרייונג פון ירושלים, אין די טעג פון די נצחונות אין די אַנדערע באַפרייונג-מלחמות) ווערט די פאָן אַרויפגעהאַנגען כמעט אויף יעדן באַלקאָן; אַלע אויטאָס ווערן באַפּוצט מיט איר; - אַפילו אין די דאָזיקע טעג, איז ווייניק ווער באַקאַנט מיט איר געשיכטע. אין בעסטן פאַל וועט אויף דער פראַגע, מה זאת? דער ענטפער זיין - "אַ נאַציאָנאַלער סימבאָל".

פון די אוראַלטע צייטן האָבן פעלקער געהאַט זייערע פענער. אויף וועלכע עס זענען אויסגעמאָלט געוואָרן פאַרשיידענע סימבאָלן. אַן אייגענע פאָן ווי אַ סימבאָל פון אומאָפּהענגיקייט, נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט, איז מיט דער צייט געוואָרן אַן אומבאַדינגטער אַטריבוט פון יעדער מלוכה.

די געשיכטע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָן איז אַ סך עלטער פון מלכות ישראל. אין תנך ווערט אָנגעוויזן, אַז יעדער פון די צוועלף שבטים, בעת יציאת מצרים, האָט געפירט זיינע משפחה-מיטגלידער אונטער באַזונדערע פאָנען. אויף זייערע לייוונטן זענען אויסגעצייכנט געוואָרן דער נאָמען פון יעדן שבט; ווערטער און פאַרשיידענע מאָלערייען, מיט וועלכע יעקב האָט אין זיינע געזעגענונגס ברכות פאַר זיין פטירה כאַראַקטעריזירט און געבענטשט זיינע קינדער.. (יש אומרים, אַז אונדזער גאונישער קינסטלער מאַרק שאַגאַל האָט אין זיינע באַוווסטע 12 וויטראַזשן, אויסגעמאָלט אַ ריי עלעמענטן פון די אָנגעוויזענע פאָנען). אין די צייטן פון מלכות ישראל איז דער טלית אויסגענוצט געוואָרן ווי די נאַציאָנאַלע פאָן פון דער מלוכה. נאָך איר צעשפּאַלטונג דורך ירבעם און רחבעם - שלמה המלכס זין) ווערט דערמאָנט נאָר די פאָן פון יהודה - "דגל מחנה יהודה". נאָך דעם חורבן בית שני און דער צעשפּרייטונג פון די יידן אין פאַרשיידענע לענדער איז די יידישע נאַציאָנאַלע פאָן פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן. ערשט אין די שפּעטע יאָרן פון דער מיטלעלטער תקופה זענען געווען פאַלן, ווען די הערשער פון פאַרשיידענע לענדער האָבן געשאָנקען אייניקע קהילות, אָדער געוויסע פּערזענלעכקייטן, דאָס רעכט אויפצוהייבן אַ יידישע פאָן. אין 1354 האָט דער אימפּעראַטאָר

קאַרל דער 4-טער דערלויבט דער פּראָגער קהילה אויסהענגען אַ רויטע פאָן מיט אַ זעקסעקיקן שטערן, וועלכער איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן "מגן דוד"[1]. אין 1460 האָבן די יידן פון אָפען - איצט אַ ראַיאָן פון בודאַפּעשט - באַגריסט דעם אונגאַרישן קייסער מאַטיאַס קאָרווין מיט אַ רויטער פאָן און צוויי "מגן דודן" אויף איר אויבערפלאַך. אין 1592 האָט מען דעם פּראָגער רב מרדכי מייזעל דערלויבט אויסהענגען אויף זיין שיל "די פאָן פון דוד המלך". אין 1648 זענען די יידן פון פּראָג, פאַר זייערע פאַרדינסטן אין די שלאַכטן קעגן די שוועדן און, באַזונדערס, פאַר דער באַשיצונג פון דער שטאָט, באַערט געוואָרן מיט רעכט צו האָבן אַן אייגענע רויטע פאָן מיט אַ געלן מגן דוד. אין זיין צענטער איז אויסגעמאָלט געוואָרן אַ קליין שוועדיש שטערנדל.

ווי ס'איז צו זען איז דער מגן דוד אין אַלע צייטן געווען אַ הויפּט-סימבאָל. אַ ריי פאָרשער האַלטן, אַז דער מגן דוד ווייזט אָן אויפן סדר, לויט וועלכן די מחנות פון די שבטי ישראל האָבן אַרומגערינגלט דעם משכן בעת זייער "ויסעו ויחנו" - ווען זיי האָבן געוואַנדערט אין מדבר. די דאָזיקע מפרשים דערקלערן אויך, אַז די שפּיצן פונעם מגן דוד ווייזן אָן אויף די ארבע כנפות הארץ - די 4 זייטן פון דער וועלט; דער אויבערשטער שפּיץ - אויף דעם הימל און דער אונטערשטער - אויף דער ערד.

אין די אויגן פון דעם יידישן פאָלק האָט דער מגן דוד פאַרקערפּערט די האָפענונג אויף דעם אויפגאַנג פון דעם שטערן, וועלכער וועט אָן אויפהער באַלייכטן די הימלען פון גאַנץ ישראל.

אין דער פּראָגער "אַלטנוישול" האָט יאָרן לאַנג זיך פאַרהיט די אַלטע אַמאָליקע פאָן: אַ רויט-זיידענער פאָנענטוך מיט 2 געלע זעקסעקיקע שטערנס. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן די נאַציס, ישו"ז, די דאָזיקע פאָן אַריבערגעפירט אין "מוזיי פון דער פאַרשווינדענער ראַסע". (פּראָג). פון דאָרטן האָט מען זי שפּעטער אַריבערגעפירט קיין ירושלים, ווו זי איז אין 1990 אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין ישראל-מוזיי. אויף איר האָבן זיך פאַרהיט העברעישע אויפשריפטן: "השם צבאות עמנו, אלהי יעקב צורינו"; "שפוך חמתך על הגויים אשר לא ידעוך ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו" ("גאָט צבאות איז מיט אונדז, גאָט פון יעקב איז אונדזער פעסטונג; גיס אויס דיין צאָרן אויף די גויים, וואָס אָנערקענען דיך נישט און אויף זייערע מלוכות, וועלכע פאַרהייליקן נישט דיין נאָמען").

(אין סוף פון 19 י"ה, אין 1897, בעת דעם ערשטן היסטאָרישן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, האָט בנימין זאב (טעאָדאָר) הערצל פאַרטראַכט, אַז די נייע ישראל מדינה, דאַרף, ווי ס'פירט זיך אין די אַנדערע נאַציאָנאַלע מלוכות, אויך האָבן איר אייגענע נאַציאָנאַלע פאָן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז אַ פּשוטער ענין. אויף אַ בלאַט צייכן-פּאַפּיר האָט ער אויסגעמאָלט זיבן גאָלדענע שטערנדלעך, וועלכע, לויט זיין מיינונג האָבן סימבאָליזירט דעם זיבן-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, דער ווייסער באָדן אויף וועלכן די שטערנדלעך זענען פונאַנדערגעלייגט געוואָרן, באַטייט אַן אָנהייב פון אַ נייער אומשולדיקער וועלט. הערצלס פריינד, דער באַוווסטער ציוניסט, דוד וואָלפסאָן, האָט פאָרגעלייגט אַריינפירן אין דער צייכענונג אויך צוויי טיף-בלויע פאַסן, וועלכע זאָלן באַגרענעצן די גאַבאַריטן פון דער פאָן, און פאַראייניס דערמאָנען דעם טלית, און אין צענטער אויסצייכענען דעם מגן-דוד. טעאָדאָר הערצל האָט מסכים געווען מיט וואָלפסאָנס אידעע, נאָר ער האָט צוגעגעבן, אַז אויפן אויבערשטן שפּיץ פונעם מגן-דוד

---

1) וועגן דעם מגן דוד און זיין סטרוקטור - זע מיין אַרטיקל אין "חשבון" נום. 144 זז' 5-8.

דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן איינער פון די זיבן שטערן; די אַנדערע זעקס - אַריינפּאַסן אין די אינעווייניקסטע קליינע דרייעקן.

אין דער דאָזיקער פאָרעם האָט די פאָן זיך פאַרהיט ווי דער סימבאָל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, במשך פון 50 יאָר.

ווען ס'איז ווידער אויפגעקומען די יידישע מלוכה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויספאָרמירן די מלוכה (נאַציאָנאַלע) פאָן איז ניט אַזוי פּשוט ווי עס האָט זיך לכתחילה געטראַכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע דיסקוסיע - צי איז ריכטיק צו דערקלערן אַ פּאַרטייאישע (די ציוניסטישע) פאָן ווי די אָפיציעלע נאַציאָנאַלע (מלוכה) פאָן? מער ווי אַ האַלב יאָר זענען אָנגעגאַנגען שאַרפע ויכוחים. באַזונדערס מיט שאַרפער קריטיק זענען אַרויסגעטרעטן די לינקע אָרגאַניזאַציעס (די קאָמוניסטן, מאַפּאַם א"א). זייערע מיטגלידער האָבן אָנגעוויזן, אַז הרצלס פאָן איז אַ רעליגיעזע און דירעקט אויס די געפילן פון אַ גאָר קליינעם טייל פון דער דעמלטיקער יידישער באַפעלקערונג אין ישראל, בעת די מערהייט איז אַ סעקולערע. דערצו נאָך סימבאָליזירן ניט די פּאַסן פונעם טלית אויפן ווייסן פאָנענטוך די אחדות פונעם יידישן פאָלק - פאַרקערט: זיי שטרייכן אונטער זיין צעריסנקייט. אַלע קעגן-אַרגומענטן, באַזונדערס, אָנווייזונגען אויף די 13 פּאַסן אויף דער פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן (א"א) האָבן קיין ווירקונג ניט געהאַט. אין אַן אויסברוך פון פאַרצווייפלונג האָט בן-גוריון באַשלאָסן זיך ווענדן צו דער באַפעלקערונג. ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען אַ ווענדונג, אין וועלכער ער האָט געבעטן יעדן לייענער אַרויסשיקן זיין אייגענעם פּראָיעקט, נאָר מיט איין באַדינג: פאַרהיטן דעם ווייס-בלויען גרונט.

עס האָבן זיך אָפּגערופן אַ ערך 170 רעספּאָנדענטן. כמעט אַלע פון זיי זענען געווען באַשרייבונגען. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלע האָבן אויסגעפילט דעם באַדינג - פאַרהיטן דעם בלוי-ווייסן גרונט - האָבן אייניקע אויטאָרן פאָרגעלייגט צוגעבן אויך אַנדערע פאַרשיידענע קאָלירן: העל-רויטן, פּורפּור - אָראַנזש-קאָלירן א"א, איינער פון די באַרימטסטע קינסטלער (אַ פּליט פון דייטשלאַנד) ריכאַרד אַרעל, וועלכער איז במשך פון די ערשטע צען יאָר פון ישראלס קיום געווען דער אָפיציעלער הויפּט קאָנסולטאַנט פון דער קאָמיסיע וואָס האָט קאָנטראָלירט דעם אָפּקלייב און דאָס שאַפן פון פאַרשיידענע אַנדערע נאַציאָנאַלע סימבאָלן (אָפיציעלע הערב-פּאַפּירן און פּאָטשט-מאַרקעס), האָט אָפּגעקליבן אַ וואַריאַנט, וועלכער האָט אַנטהאַלטן 3 בלויע פּאַסן מיט דריי פּירעקן - צוויי אין די ווינקלען און איינער אין צענטער פון דער פאָן, אויף וועלכן ער האָט אָנגעמאָלט דעם מגן-דוד. אויך אַ ריי אַנדערע פּראָיעקטן זענען אָפּגעקליבן געוואָרן און פאָרגעשטעלט געוואָרן דער קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט אויסקלייבן דעם איינציקן. די קאָמיסיע האָט אָפּגעקליבן דעם מוסטער פון דער היינטצייטיקער פאָן.

דעם 28 אָקטאָבער 1948 האָט די רעגירונג ענדגילטיק פעסטגעשטעלט און דערקלערט אים ווי די נאַציאָנאַלע פאָן פון דער מלוכה און פון דער יידישער נאַציע.

דער ערשטער פּרעמיער פון ישראל, דוד בן גוריון, האָט אין די ווייטערדיקע ווערטער פעסטגעשטעלט דעם באַטייט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָן: "די פאָן פון דער מלוכה איז אַ סימבאָל פון דער היסטאָרישער איינהייטלעכקייט און המשכדיקייט פון פאָלק, זי גיט צו די אייגנאַרטיקייט אונדזער באַגייטן זעלבסטבאַוווסטזיין. אַ נאַציאָנאַלע פאָן איז העכער פון דער ספערע פון בייטנדיקע זיך רעגירונגען און פון די אומקאָמפּראָמיסלעכע קעגנקעמפנדיקע כוחות אין לאַנד. די פאָן פאַרקערפּערט אין →

לידיאַ פּראָלאָוו

# אַ טראַגישע באַגעגעניש

## דערציילונג

צען יאָר נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט מען שוין די גרויסע שטאָט קיעוו נישט דערקענט. דער רוינירטער צענטער פון דער אוקראַינע איז גיך אויפגעבויט געוואָרן. פאַרהיילט די וואונדן פון דער מלחמה, איז די שטאָט געוואָרן אַ סך שענער ווי פריער. אַלץ איז אין דער זעלטן גרינער שטאָט פאַרהיילט געוואָרן, נאָר נישט די צעבראָכענע הערצער פון די לעבן געבליבענע יידן. דער באַרימטער שוידערלעכער קיעווער "באַבי יאַר" איז פאַרבליבן ווי אַ שאַרפע וואונד אין די הערצער. יענער יאַר, ווו דער דייטש האָט לעבעדיקערהייט פאַרשיט צענדליקער טויזנטער יידן, וועט אויף אייביק פאַרבלייבן ביי יעדערן, ווער נאָר ס'טראָגט זיך אַרום מיט אַ מענטשלעך האַרץ, דער שוואַרצסטער פלעק אין דער שיינער בליענדיקער גרויזאַמער שטאָט.

צוויי סטודענטן, וואָס האָבן אין אָנהייב פון די 50-ער יאָרן געלערנט אין קיעווער אוניווערסיטעט, האָבן געלעבט אין איין קליין צימערל פון דער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג. סטעפאַן, דער רוסישער, איז געווען פון אַ דאָרף נישט ווייט הינטער קיעוו. מאיר, דער יידישער, איז אָנגעקומען לערנען פון דער שטאָט כערסאָן.

ביידע זיינען זיי געווען שיינע בחורים. מיט דער צייט האָבן זיי זיך צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, געוואָרן נאָענטע פריינד. זיי האָבן געלערנט אויף איין קורס און אַפילו אין איין גרופּע צוזאַמען זיך געגרייט צו די לימודים, צו די פאַרהערן און צו די עקזאַמענס. מאיר איז געווען אַ בעסערער סטודענט, ער האָט אין אוניווערסיטעט ממש געשמט מיט זיינע פעיקייטן. נאָר אַ דאַנק זיין זעלטן גוטער צוגרייטונג און שאַרפן קאָפּ איז ער אָנגעקומען אַהער לערנען. אין יענע יאָרן האָט מען שוין, נישט אָפן, פאַרמאַסקירט, גוט פילטרירט די יידישע קינדער ביים אַריינטרעטן לערנען אין אַ הויכשול. נישט דורכגעלאָזט מער פון 5 פּראָצענט.

סטעפאַן האָט שטאַרק געשעצט מאירס פעיקייטן. אים איז אָנגענעם געווען זיך חברן מיט אַזאַ פעיקן, באַשיידענעם סטודענט, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט גערעכנט מיט דער צייט און זיך געטיילט מיט אַנדערע מיט זיין וויסן.

מאיר האָט ליב באַקומען דעם סטעפאַנען פאַר זיין מיטפילן און זיך אינטערעסירן מיט די שוידערלעכע טראַגעדיעס, וואָס די יידן האָבן איבערגעלעבט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. סטעפאַן האָט נישט אופגעהערט ריידן פונעם "באַבי יאַר". ער האָט נישט געקענט גלויבן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן זיך אַזוי נידעריק אַראָפּגעלאָזט. ווי אַזוי זיינען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזעלכע ווילדע חיות וואָס קענען ◄

זיך פאַראייניקונג, צוניפשליסונג פון די רייען און היסטאָרישע המשכדיקייט פון דער מלוכה און נאַציע. די ישראלדיקע פאָן - אַ סימבאָל פון שטרעבונג פונעם יידישן פאָלק, וואָס האָט דורות-לאַנג ניט געהאַט זיין מלוכה - זיין שטרעבונג צו פרייהייט, אומאָפּהענגיקייט און גלייכהייט אויף זיין אייגענער ערד... פון היינטיקן טאָג וועט די מלוכה-פאָן אָפּשפּיגלען ניט נאָר אונדזערע דערוואַרטונגען און שטרעבונגען, נאָר אונדזער בייזיין אין אונדזער היסטאָרישן פאָטערלאַנד און זיין אַנטוויקלונג. אונדזער פאָן וועט ווערן דער סימבאָל פון אַחדות-ישראל, זיין אייגנאַרטיקייט, זיין זעלבשטענדיקייט און המשכדיקייט פון אַלע דורות, אָנהייבנדיק פון אונדזערע אבות און לעדי עד".

לעבעדיקערהייט פאַרשיטן צענדליקער טויזנטער מענטשן, אומשולדיקע אַלטע לייט, פרויען, קינדער. און ווען מאיר האָט אים דערציילט פון אַ צווייטער ענלעכער טראַגעדיע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אים אין יידישן שטעטעלע כאַשטשוואַטע, האָט סטעפּאַן אים אויסגעהערט מיט טרערן אין די אויגן. אים האָט אויך שטאַרק פאַרכאַפּט די געשיכטע ווי אַזוי מאיר איז לעבן געבליבן. געשען איז דאָס אין דעם זעלבן גראָען פאַרטאָג, אַ פּאָר שעה פאַר דעם, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן טרייבן די ניין הונדערט יידן צום גרוב אויף אויסצוהרגענען. צו זייער שטוב איז צוגעפאָרן אַ פויער פון אַ שכנותדיק דאָרף. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט מאירס מוטער, מיט רבקהן, וואָס האָט זיך געהערכנט אין שטעטל פאַר איינער פון די בעסטע שניידערקעס. ער האָט געהייסן רבקהן פאַרכאַפּן די מלבושים, דאָס בעטגעוואַנט. אַליין האָט ער גענומען אויף זיך די ניי-מאַשין און אַרויסגעטראָגן אין דרויסן אַרויס, אַוועקגעלייגט זי אויפן שליטן, און אויך די קינדערלעך אַרויפגענומען אויפן שליטן. געהייסן דער שניידערקע גאָרנישט פאַרגעסן פון די אַלע קליינקייטן, וואָס קענען איר צונוץ קומען ביים נייען, און האָט דאָס יידישע ווייבל מיט אירע דריי פּיצלעך קינדער פאַרפירט צו זיך אין דאָרף אַריין. אַראָפּגעלאָזט זיי אין קעלער, האָט ער אַלע טאָג באַזאָרגט די מוטער מיט די קינדער מיט עסן און טרינקען. צוויי וואָכן זיינען זיי געלעגן אין קעלער. נאָך די צוויי וואָכן האָט דער פויער אַלע גאַנצפרי אַראָפּגעלאָזט אין קעלער אַריין שפּייז פאַר די קינדער און די מוטער אַרויפגענומען אין שטוב אַריין. זי איז אָפּגעזעסן אין שטוב דעם גאַנצן טאָג און באַנייט די משפּחה. ווען דער פויער האָט זיך שוין אויפגעהערט נייטיקן אין דער שניידערקע, האָט ער זי איבערגעגעבן אין אַ צווייטער שטוב.

אין שטעטל אַריין, צו זיך אַהיים, האָט זי זיך שוין נישט געקענט אומקערן. אַ חוץ דעם, וואָס מ׳האָט פאַרניכטעט די 900 יידן, האָט מען נאָך דאָס שטעטל אַליין צעשטערט, אַרויסגעטראָגן פון יעדער שטוב דאָס פאַרמעגן, דאָס מעבל. פון די גוטע הייזער האָט מען אַראָפּגעריסן די דעכער, אַרויסגעריסן טיר און פענצטער. רבקהס שטיבל איז געווען פון די פיינסטע, האָט מען אַפילו אירע ווענט צעוואַליעט און פאַרנומען די ציגל.

פאַר דער מלחמה האָט אין דער שטאָט כערסאָן געלעבט רבקהס אַ שוועסטער. איר האָט זיך איינגעגעבן צו דער צייט אַנטלויפן פון שטאָט. זי האָט איבערגעלעבט די מלחמה אין הינטער-לאַנד, אין דער קאַזאַכישער רעפּובליק, און בשלום זיך אומגעקערט אַהיים. דערוווסט זיך, אַז די שוועסטער האָט זיך אומגעקערט, איז רבקה מיט די קינדער אַוועקגעפאָרן צו איר. זי איז פאַרבליבן לעבן אין כערסאָן, זיך איינגעאָרדנט אַרבעטן אין אַ ניי-פאַבריק און, כאָטש מיט שוועריקייטן, נאָר דערצויגן אירע דריי קינדער און געהאָלפן זיי זאָלן זיך לערנען אין די שולן. ווען רבקה האָט זיך גענומען אָנפרעגן אויף איר מאַן, האָט זי פון די געהעריקע מיליטער-אָרגאַנען, זיך דערוווסט אַז איר מאַן, לייבל, איז העלדיש אומגעקומען אין שלאַכט מיט די דייטשן.

ביי רבקהן האָבן זיך צופעליק פאַרוואַלגערט אַ פּאָר פאַרמלחמהדיקע פאָטאָגראַפיעס. זיי זיינען געלעגן אין שופלעדל פון איר ניי-מאַשין צווישן די שערלעך, באַנוועלעך און נאָדלען. בעתן פאַרקויפן די מאַשין, פאַרן אַוועקפאָרן קיין כערסאָן, האָט זי געפונען די פאָטאָגראַפיעס. דאָרט איז געווען אַ בילד, ווי זי שטייט מיט לייבלען, ווען זיי זיינען נאָך געווען חתן-כלה. אַ צווייט בילד - לייבל, זי און אַלע דריי קינדערלעך. איין פאָטאָ, ווי לייבל איז אַראָפּגענומען אייגן אַליין. פון דעם דאָזיקן קליינעם בילד האָט מאיר געמאַכט אַ פאַרטערט און אים אויפגעהאָנגען איבערן בעט אין צימער פון דער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג.

"דו ווייסט, מאיר, האָט אים סטעפאַן איין מאָל געזאָגט - דו ביסט דאַכט זיך געראָטן אין דיין טאַטן".

"איך האָב נאָר דעם טאַטנס האָר. אָבער איך בין פון די טונקעלע און האָב מיין מאַמעס אויגן. זי האָט אויך שוואַרצע אויגן. די מאַמע זאָגט, אַז איך בין אַ סך נידעריקער פון מיין פאָטער. ער איז געווען פון די הויכע און איך בין פון מיטעלן וווקס. אָבער מיין קלענער ברודערל, גרישע, ער איז יינגער פון מיר מיט צוויי יאָר, איז אַ סך העכער. ער איז אַזוי הויך ווי דער טאַטע איז געווען און איז אַ קאָפּיע פון אָט דעם דאָזיקן פאָרטערט, אַ קאָפּיע פון טאַטן".

פונעם בילד, וואָס איז געהאָנגען איבער מאירס בעט, האָט אַראָפּגעקוקט אַ טיפּישער גויישער פאַרשוין, אַ פעסטער יונגאַטש מיט אַ געדיכטער טשופּרינע בלאָנדע האָר, אַן עטוואָס לענגלעך ווייס פּנים און גרויסע העל-גראָע אויגן. סטעפאַן האָט נישט איין מאָל איבערגעחזרט די ווערטער:

"דו ביסט ענדלעך אויף אַ יידן און דיין טאַטע נישט".

נאָכן פאַרענדיקן דעם ערשטן קורס פון אוניווערסיטעט, זיינען זיך ביידע חברים צעפאָרן. מאיר איז אַוועקגעפאָרן קיין כערסאָן און סטעפאַן צו זיך אין דאָרף אַריין.

ווען סטעפאַן האָט זיך אומגעקערט קיין קיעוו האָט ער אין צוג באַמערקט אַ זעלטן שיינעם פּאַסאַזשיר פון העכער די 40. ער האָט געטראָגן אַ מונדיר פון אַ מיליציאָנער פון העכערן ראַנג. ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס דאַרף זיין אַ נאַטשאַלניק פון אַ ריייאָנער אָפּטיילונג פון מיליציע. יענער איז געווען פון דעם שכנישן קופּע און איז פון דאָרט אַרויס. ער איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער אין קאָרידאָר און גערייכערט אַ פּאַפּיראָס. סטעפאַן האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים צווייטן פענצטער און זיך צוגעקוקט צום מיליציאָנער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען גוט דעם דאָזיקן מענטשן. זיך שוין ערגעץ באַגעגנט מיט אים.

אַ פּאָר מינוט האָט דער סטודענט זיך געבראָכן דעם קאָפּ און נישט געקענט זיך דערמאָנען, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיט דעם מענטשן. ער איז אַוועק צו זיך אין קופּע, גענומען אַ ביכל אין האַנט, געפּרוווט לייענען, נאָר דער מיליציאָנער איז אים אַלץ געקראָכן אין קאָפּ אַריין. פּלוצלינג איז פאַר סטעפאַנס אויגן אויפגעשווומען דער פאָרטערט פון מאירס פאָטער. ווי אַן אָפּגעבריטער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פון זיין אָרט און איז אַרויס אין קאָרידאָר. דער מיליציאָנער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און גערויכערט. ווען ער האָט אין איינעם אַ מאָמענט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. האָט דער סטודענט זיך נאָך מער איבערצייגט אין דער זעלטענער ענדלעכקייט צווישן דעם פאָרטרעט און דעם מיליציאָנער. סטעפאַן האָט זיך אַ ווײלע געוואַקלט. דער מיליציאָנער האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּישער רוסישער מענטש, איז גיי דערצייל אים, אַז ער איז געראָטן אין אַן אומגעקומענעם פאָטער פון אַ יידישן בחור. פון דעסטוועגן האָט ער זיך איינגעשטעלט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און אָנגעהויבן ריידן:

"איך בין אַ סטודענט פון קיעווער אוניווערסיטעט און לעב אין דער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג. אין איין צימער מיט מיר געפינט זיך אַ יידישער סטודענט. זיין מאַמע מיט נאָך צוויי קינדער און ער, דער סטודענט, האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון דעם טויט, ביי די דייטשן, וואָס האָבן אויסגעהרגעט אַלע יידן פון דעם קליינעם שטעטעלע הינטער אָדעס. איצט לעבט ער מיט זיין מאַמען, ברודער און שוועסטער אין כערסאָן. זיין פאָטער איז אומגעקומען אויפן פראָנט. העגנט ביי דעם מאיר איבערן בעט דער פאָרטרעט פון זיין פאָטער. אַ קוק טון אויף אייך און אויף דעם פאָרטרעט קען מען מיינען' אַז דאָס איז

איין און דער זעלבער מענטש. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן זע איך, אַז צוויי פּרעמדע מענטשן זאָלן זײַן אַזוי שטאַרק ענדלעך צווישן זיך".

דערהערט דעם נאָמען מאיר, האָט ביים מיליציאָנער דאָס בלוט אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַרײַן און תיכּף האָט אים באַדעקט אַ קאַלטער שווייס. ער האָט דערפילט, אַז די פיס האָבן זיך ביי אים אונטערגעהאַקט אויף אומצופאַלן. אָבער ער האָט געפונען אין זיך מוט און האָט זיך אָפּגערופן:

"אין לעבן קומען פאַר מער וווּנדערלעכע, מאָדנע זאַכן".

ער האָט אַ ביסל אָפּגעטראָטן פון פענצטער און, פאַררײַידנדיק דעם סטודענט די ציין, אים אָנגעוויזן אויף דער שיינער לאַנדשאַפט, וואָס אַרום און אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס. געשטאַנען אַ רגע שטיל, האָט ער לסוף זיך אָנגערופן, ריידנדיק ווי צו זיך אַליין:

"איך בין שלעכט געשלאָפן די נאַכט. מ'דאַרף זיך גיין אַ ביסל צולייגן". ער האָט זיך קוים דערשלעפט צו זיך אין קופּע, אַרויפגעקראָכן אויף דער צווייטער פּאָלקע, און מיט אים האָט נישט אויפגעהערט וואַרפן טראַכטנדיק:

"ס'איז שוין דורך העכער אַ צענדליק יאָר נאָך דער מלחמה. איך לעב און מײַן מײַן רבקהלע ווען איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, באַווײַנט מיך מסתמא די אַלע יאָרן. ווי שווער איז איר, נעבעך, אָנגעקומען אַליין צו דערציען די קינדער. זיי באַווײַנען אוודאי די אַלע יאָרן זייער אומגעקומענעם טאַטן. מאיר איז שוין אַ סטודענט... ער קען זיך נישט צעשיידן מיט מײַן פּאָרטרעט".

* * *

די מלחמה האָט זיך אָנגערוקט אומדערוואַרט. די מאָביליזאַציע האָט מען אין שטעטל דורכגעפירט אין איילעניש. אַלע מאַנסבלען פאַרנומען אויפן פראָנט. יעדער איז געצוווּנגען געווען איבערלאָזן אויף הפקר די אייגענע, טאַטע-מאַמע, שוועסטער, ווייבער און קינדער.

לייבל איז אין גאַנצן איין יאָר געווען אויפן פראָנט, אָבער גוט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם, דורכגעגאַן נישט איין שווערע שלאַכט. מ'האָט זיך געשלאָגן מיטן דייטש נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט, זיך געשלאָגן פאַר יעדן שטיקל רוסישע ערד. נישט איין שטאָט אָדער דאָרף איז איבערגעגאַן פון הענט צו הענט.

איינס פון די גרויסע דערפער הינטער קיעוו איז צוויי מאָל געווען ביים דייטש אין די הענט און מ'האָט אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן, איידער ער האָט זיך פאַרפעסטיקט אויף אַ לענגערער צייט. ביים ערשטן מאָל, ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט דאָס דאָזיקע דאָרף, האָבן זיי אַרומגערינגלט אַ גרויסע גרופּע רוסישע סאָלדאַטן. פאַרנומען זיי אין פּלען, האָבן די דייטשן זיך פריער פאַר אַלעמען גענומען אינטערעסירן מיט די יידישע סאָלדאַטן. צום גליק זענען אין דער דאָזיקער גרופּע געווען בלויז צוויי יידן. איינעם האָט מען פאַרשפּאָרט אויסצוגעבן. זײַן טונקל פּנים, די שוואַרצע אויגן און געקרײַזלטע שוואַרצע האָר האָבן אים אַליין אויסגעגעבן, לייבל האָט גרינג געקענט אָנגיין פאַר אַ גוי, ווען איינער פון די געפאַנגענע גיט אים נישט אויס. פאַרן אַוועקפירן די צוויי יידן אויף צו שיסן, האָט זיך דער יידישער אָפיצער, סאַשע בראָודע, שטיל אָנגערופן צו לייבלען:

"מיר האָט זיך אײַנגעגעבן אויסבאַהאַלטן מײַן נאָגאַן. ווען איך ווייס וואָר פון אונדזער גרופּע האָט אונגז אויסגעגעבן, זעץ איך אין אים אַרײַן די ערשטע קויל, איידער איך וועל אין זיך אַרײַנזעצן די צווייטע. איך וויל נישט וואַרטן ביז וואַנען

מ׳וועט מיך אַרויסשלעפּן פון דער קלוניע צום שיסן״.

ווען סאַשע האָט זיך גענומען פּאָרען אין זיין קעשענע מיטן רעוואָלווער, האָט אים לייבל געבעטן זיך נישט צו איילן מיטן שיסן אין זיך.

״אויף וואָס וואַרטסטו, אויף וואָס קוקסטו אַרויס - האָט סאַשע געזאָגט - דו מיינסט אַז ס׳קען געשען אַ נס מיט אונדז? איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט גלויבן אין נסים״.

״אויב אַזוי - האָט זיך לייבל ווידער אָנגערופן - זיי אַ חבר, זיי אַ פריינד, צוערשט שיס מיך״.

לייבל האָט זיך אויסגעדרייט צו סאַשען און אים אונטערגעשטעלט די פּלייצע. סאַשען איז נישט גרינג געווען אויסשטרעקן זיין נאַגאַן צו לייבלען. ער האָט, פאַרגעוויס, אָנגעקוועטשט אויפן צינגל מיט פאַרזשמורעטע אויגן און ציטערנדיקער האַנט און געטראָפן לייבלען העכער פון רעכטן אַקסל. די צווייטע קויל האָט ער געטראָפן זיך גלייך אין האַרץ אַריין. ער האָט זיך קיין רגע נישט באַוויזן מוטשען פאַרן טויט.

לייבל, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אָן באַוווסטזיין, איז צוביסלעכווייז געקומען צו זיך. דערזען נעבן זיך דעם טויטן חבר האָט ער, נישט ווילנדיק, גענומען זיך אָפּרוקן פון אים און וואָס ווייטער, געלאָזט זיך קריכן אויף אַלע פיר פון דער קלוניע אין דרויסן אַרויס. ער איז אַזוי לאַנג געקראָכן איבער אַ ברייט שטיק מיט גראָז באַוואַקסן פעלד, ביז ער איז דערקראָכן צו אַ בערגל. אַראָפּגעשלעפּט זיך בערגל-אַראָפּ, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ קליין שטייענדיק קויטיק טייכל. אָפּגעטונקט זיך אין וואַסער האָט ער זיך דערשראָקן. דאָס וואַסער איז רויט געוואָרן פון ווי זיין בלוט. נישט ווייט פונעם טייכעלע איז אַ ברונעם. ער האָט קוים געקענט אָנשעפּן אַ ביסל וואַסער כדי שטילן דעם דאָרשט. דערנאָך האָט ער זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט צו אַן אָרט באַוואַקסן מיט טיפן גראָז. ער האָט זיך צעשפּרייט אינעם גראָז, אָבער די פּיין פון זיין ווונד איז געווען אַזוי שאַרף, אַז פון זיין מויל האָבן זיך, נישט ווילנדיק, אַרויסגעריסן שווערע קרעכצן.

און לייבלען איז באַשערט געווען צו בלייבן לעבן. אַ יונג שיקסל האָט געוווינט נישט ווייט פונעם ברונעם. זי האָט געלעבט מיט איר אַלטינקן זיידן. דער פאָטער, דעם זיידנס זון, איז געווען אויפן פראָנט. די מוטער איז אומגעקומען אין דאָרף אין די ערשע מלחמה-טעג. דאָס מיידל איז נאָך געווען יונג, ביי די 16 יאָר. פּראַסיע האָט זי געהייסן. אַ זעלטן שיינע. אַ ווייסע מיט בלאָנדע לאַנגע האָר און טונקל בלאָע אויגן. ווען פּראַסיע איז אין יענעם טאָג געקומען צום ברונעם נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער, האָט זי דערהערט ווי עמעצער קרעכצט. זי האָט גיך געפונען דעם פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט, אַראָפּגעריסן פון אים די נאַסע צוויי מיליטער-העמדלעך, דאָס אייבערשטע אים אונטערגעשפּרייט און מיטן אונטערשטן פאַרבונדן די ווונד, זי איז אַוועק אַ היים און דערציילט דעם זיידן פון דער געשעעניש. זיי זיינען אַוועק צום סאָלדאַט, פאַרכאַפּט מיט זיך אַ גראָבע ברעזענטענע רעדנע, וואָס לאָזט נישט דורך קיין פליסיקייט, אַרויפגעלייזט אים אויף דער רעדנע און געבראַכט צו זיך אַ היים.

אין דאָרף האָבן אָרודעוועט די דייטשן. גענישטערט אין יעדן ווינקעלע, נאָר פּראָסיע מיטן זיידן האָבן אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין קעלער דעם פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט ביז ער האָט נישט פאַרהיילט אַ ביסל די ווונד, געשטעלט זיך אויף די פיס און געמאָלדן:

״גענוג, מער קען איך זיך שוין נישט וואַלגערן ביי אייך אין קעלער. איינס, האָב איך נישט קיין רעכט שפּילן מיט אייער גורל. צווייטנס, איז אַ פאַרברעך איך זאָל זיך ווייטער אויסבאַהאַלטן. איך מוז זיך לאָזן אויסזוכן אַ רוסישע מיליטער-טייל, אָדער זיך

דערקלייבן צו אַ פּאַרטיזאַנישער גרופּע".

דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנען האָט דער סאָלדאַט לאַנג נישט באַדאַרפט זוכן. פּראָסיעס זיידע האָט אים געבראַכט גלייך צו די פּרטיזאַנען אין וואַלד אַריין. דער אַלטישטקער אַליין איז געווען זייערס אַ מענטש.

נאָך ליגנדיק אין קעלער, ווי נאָר ער איז געקומען צום קלאָרן געדאַנק, האָט לייבל באַקלערט די סיטואַציע אַרום זיך און באַשטימט פאַרגעסן זיין אייגענעם נאָמען, פאַר פּראָסיען מיטן זיידן איז ער געוואָרן - וולאַדימער איוואַנאָוויטש פעדאָרענקאָ.

די יונגע פּראָסיע, וועמען עס איז אויסגעקומען איבערבינדן דעם פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט די וווּנד, נישט איין מאָל אים אַרומוואַשן און איבערטאָן אַפילו דאָס הינטערשטע גרעט, האָט זיך ביסלעכוויז שטאַרק צוגעבונדן צו אים. פאַר זיין פאַרלאָזן איר זיידנס קעלער איז זי שוין אַזוי שטאַרק געווען פאַרקאָכט אין דעם שיינעם וולאַדימער, אַז זי האָט איבערגעלאָזט דעם אַלטיטשקן און אַוועק מיט פעדאָרענקען צו די פּאַרטיזאַנער.

שוין פון די ערשטע טעג, זייענדיק צווישן די פּאַרטיזאַנער, האָט זיך וולאַדימער פעדאָרענקאָ גענומען אויסטיילן מיט זיינע העלדישע טאַטן. ער האָט זיך פאַר קיין שום געפאַר נישט אָפּגעשטעלט. דער ערשטער זיך געלאָזט אין פייער אַריין, כדי אויספילן זיין פּאַרטיזאַנישן חוב. געוואָרן דער אָנפירער פון אַ גרויסן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד און דער נאָמען פעדאָרענקאָ איז געוואָרן באַוווּסט דער גאַנצער געגנט. די דייטשן האָבן מיט ליכט געזוכט דעם פעדאָרענקאָ, וואָס האָט אָנגעטריבן אויף זיי אַ מורא.

פּראָסיע האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן נישט פון די געוויינלעכע מיידלעך. זי האָט נישט איין מאָל ריזיקירט מיט איר לעבן און אויסגעפילט זייער שווערע אויפגאַבעס. און מיט לייבלען, מיט איר ליבן וולאַדימער, איז זי שוין אין יענער צייט געווען אין די נאָענסטע אינטימסטע באַציונגען.

דאָס פאָלקס-ווערטל: "וואָס די ערד דעקט צו דאַרף מען פאַרגעסן", איז מער צוגעפּאַסט צו מענער, ווי צו פרויען. אפשר דערפאַר האָט לייבל באַוויינט אין זיך אַ שטיקל צייט זיין ווייבל מיט די דריי קינדערלעך, און זיך באַרויקט. ער איז געווען שטאַרק גערירט, ווען זיינע קאָלעגן פון דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד האָבן אים און פּראָסיען געפּראַוועט אַ חתונה אין מיטן וואַלד, אין די הייסטע טעג פון די שאַרפע געשלעגן קעגן די דייטשן.

דעם זיג פון דער מלחמה האָט לייבל מיט פּראָסיען באַגעגנט מיט אַ פּאָרעלע. פּראָסיע האָט אים געבוירן צוויי יינגעלעך.ביידע זיינען זיי געווען ענלעך צווישן זיך ווי צוויי טראָפּן וואַסער, און ביידע - אַ קאָפּיע פון זייער פאָטער, פון וולאַדימער איוואַנאָוויטשן.

לייבל האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט אויף דער לאַגע אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן. געשלאָגן זיך מיט דער דעה צו דאָס ער פאַרבלייבן וולאַדימער איוואַנאָוויטש פעדאָרענקאָ, אָדער זיך ווענדן צו די געהעריקע אָרגאַנען און אויפשטעלן זיין יידישן נאָמען. ער האָט לאַנג געקלערט און געקומען צום אויספיר, אַז ס'וועט קיינעם נישט שאַטן אויב ער וועט בלייבן פעדאָרענקאָ. פאַרקערט, ער וועט פון דעם אַ סך אויסשפילן.

נאָך דער מלחמה האָט זיך זייער שאַרף פאַרשפרייט דער אַנטיסימיטיזם אין לאַנד. גיין זיך מודה זיין, אויפשטעלן זיין יידישן נאָמען איז נישט אַזוי גלאַט. דאָס שמעקט מיט אַ גרויסן ריסק. ס'וועלן זיך געפינען אַנטיסימיטיטן אין די מאַכט-אָרגאַנען, וואָס וועלן זיך ווייניק וואָס רעכענען מיט זיינע פאַרדינסטן אַלס פּאַרטיזאַן און אים באַשולדיקן גאָט ווייסט אין וואָס. און, ווי מ'זאָגט, גיי דערוויז, אַז דו ביסט נישט קיין ווערבלוד, קיין קעמל.

אין יענער צייט, נאָך דער מלחמה האָט מען לייבלען, ווי אַן אָנגעזעענעם פּאַרטיזאַן פּאַרטרויט אָנפירן מיט דער מיליציע פון אַ דאָרפישן רייאָן הינטער קיעוו. קאָן מען אים נאָך נעמען באַשולדיקן, אַז ער איז דורכגעקראָכן אין די סאָוועטישע וויכטיקסטע אָרגאַנען.

לייבל האָט אויך אַ טראַכט געטאָן פון זיינע צוויי קינדער, וואָס פּראָסיע האָט אים געבוירן. אים האָט זיך נישט געוואָלט אַז די צוויי קינדער זאָלן טיילן דעם גורל פון יענע, פון די דריי אומגעקומענע, נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען יידיש. אים האָט שטאַרק געשראָקן דער גרויסער שטראָם פון אַנטיסימיטיזם, וואָס וועט זיך פריער אָדער שפּעטער ביטער אָפּרופן אויף די צוויי קינדער, ווען מ'וועט זיך דערוויסן, אַז זיי שטאַמען פון אַ יידישן טאַטן.

ס'זיינען דורכגעגאַן העכער צען יאָר. וולאַדימער איוואַנאָוויטש איז געשטיגן אין דער אָנפירונג פון דער מיליציע. די קינדערלעך זיינען געוואַקסן זייער גראָטענע און ליב געהאַט, זיך באַרימט מיט זייער טאַטן, דעם געוועזענעם פּאַרטיזאַן. פּראָסיע האָט אַלץ מער ליב באַקומען דעם מאַן. זיי האָבן זיך באַצויגן איינס צום אַנדערן, גלייך זיי וואָלטן נאָר וואָס חתונה געהאַט. שטענדיק ווען לייבל האָט געקענט עפּעס טאָן אַ טובה פאַר אַ יידן, האָט ער עס געטאָן, זיינע מיטאַרבעטער האָבן נישט איין מאָל אים געזאָגט:

"וולאַדימער, ביסט אַ קלוגער מאַן, אַ גוטער אָנפירער, נאָר האָסט אַ צו ווייך האַרץ. האָסט צו פיל רחמנות אויף יעדן, בפרט אויף יידן.

* * *

פונעם דאָרפישן רייאָן אין צענטער אַריין, קיין קיעוו, איז לייבל געפאָרן דערלייידיקן ענינים אין שייכות מיט זיין אַרבעט, דערוווסט זיך פונעם סטודענט אין וואַגאָן, אַז ז'יין יידיש ווייב מיט די קינדער לעבן און געפינען זיך אין כערסאָן, האָט ער באַשלאָסן אַז ער מוז פאַרקערעווען אַהינצו. די שטאָט כערסאָן איז אים גוט געווען באַקאַנט. ער האָט אויך געוווסט ווו רבקהס שוועסטער, יענטע, האָט געוווינט פאַר דער מלחמה.

"און אויב, אַפילו, זי וווינט שוין נישט דאָרט, וועל איך זי גרינג געפינען, כערסאָן איז נישט פון די גרויסע שטעט" - האָט ער געטראַכט.

אָנגעקומען קיין כערסאָן איז ער באַלד פונעם צוג אַוועק צו יענטען. געטראָפן אַלץ אויפן זעלבן אָרט. די גאַס איז געשטאַנען גאַנץ, ווי פאַר דער מלחמה, און די געביידע נישט געענדערט. ער איז צו צום אַריינגאַנג פונעם הויף, איבערגעשפּאַנט די שוועל, און זיך אָפּגעשטעלט. שוין צו שטאַרק האָט געגומען קלאַפּן ביי אים דאָס האַרץ, געפילט, אַז אָט, אָט פליט עס אַרויס פון אים. איבער דער נישט ברייטער גאַס, אַנטקעגן דעם טויער, האָט זיך געפונען די געביידע פון דער פּאָטשט. נעבן דער פּאָטשט, אין דרויסן, איז געשטאַנען אַ באַנק. לייבל האָט זיך דערקליבן צו דער באַנק און זיך אַוועקגעזעצט באַרויקן אַ ביסל דאָס האַרץ. זיצנדיק אויף דער באַנק האָט אים ווי אַ נישט גוטער געגומען אונטערזאָגן:

"לייבל, שנייד נישט אָפּ, ביז דו וועסט צען מאָל נישט אויסמעסטן. צי האָסטו זיך ווי געהעריק באַטראַכט, וואָס דו טוסט? אייל זיך נישט. אין איילעניש וועסטו אָנטאָן גרויסע צרות זיך אין דיינע צוויי משפחות סיי רבקהן און סיי פּראָסיען. נעם זיך אין די הענט אַריין, באַקלער גוט יעדן שריט דיינעם". און ער האָט באַשלאָסן:

"איך וועל זיך נישט רירן פונעם אָרט ביז ס'וועט זיך עמעצער פון זיי נישט באַווייזן. זיי וועלן דאָך אַרויסגיין פון שטוב. אויב נישט אַלע איז איינציקווייז. איך מוז זיי זען און אפשר וועט דאָס מיר געבן די מעגלעכקייט וואָס פריער און ווי בעסער קומען צו אַן

אויספיר. וויסן, ווי צו האַנדלען, כדי קיינעם קיין צרות נישט אַנטאָן. קיין נייע יסורים נישט שאַפן".

געווען איז זונטיק, דער אַרויסגאַנג-טאָג, ווען קיינער האָט נישט געאַרבעט. לייבל האָט גענומען פאַרלירן די האָפענונג, אַז היינט קען עמעצער פון זיי אַרויסגיין. ער האָט זיך ווידער גענומען שלאָגן מיט דער דעה, אַריינגיין, צי אָפּהאַלטן זיך אַ ביסל, בעסער נאָך אַ מאָל באַקלערן זיין לאַגע. נאָר ס'האָט זיך נישט געקלערט.דער קאָפּ איז אים געגאַן כאַדאָראָם. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, געטאָן אַ פּאָר שפּאַן און ווידער זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אַראָפּגערוקט זיין היטל איבערן שטערן און זיך געלאָזט צום הויף. ווידער אַמאָל איבערגעשפּאַנט די שוועל פונעם טויער און זיך ווידער אַמאָל אומגעקערט צו דער באַנק. פּלוצעם האָט ער דערזען ווי פון יענטעס הויף זיינען אַרויסגעגאַן צוויי בחורים מיט טשעמאָדאַנעס אין די הענט. נאָך זיי האָט ער דערזען יענטען. דערנאָך יאָסלען, יענטעס מאַן, און צום סוף רבקהן. זי איז אַרויסגעגאַן האַלטנדיק זיך אַרומגענומען מיט אַ מיידעלע, וואָס איז שוין געווען כמעט רבקהס הויך. אין דער ערשטער רגע איז לייבל געבליבן שטיין אויף דער צווייטער זייט גאַס, ווי אַ צוגעשמידטער צו דער ערד. דערנאָך זיך געמוזט אָנכאַפּן אין אַ שטאַכעט, נישט ווייט פון אים. די גאַס איז געווען פּוסט, אַ חוץ די זייניקע האָט מען קיין אַנדער מענטשן נישט געזען. ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך גוט אַריינקוקן אין יעדערן פון זיי. באַזונדערס קלאָר האָט ער זיי געזען, ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו אים. זיך אויסגעגלייכט מיט אים. ווען זיי זיינען אַוועק ווייטער, האָט ער זיי אָנגעהויבן נאָכגיין. זיי האָבן געשפּאַנט אויף איין זייט גאַס און ער אויף דער צווייטער. ער איז זיי נאָכגעגאַן ביז דער אייזנבאַן-סטאַנציע, גלייך מיט זיי צו צום וואָקזאַל און גלייך מיט זיי אַרויסגעגאַן אויף דער פּלאַטפאָרמע צום צוג. דער צוג איז געשטאַנען אויפן אָרט. די גאַנצע משפּחה האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַ איינעם פון די וואַגאָנען. אויף לייבלס גליק איז פּונקט ניט ווייט פון דעם וואַגאָן געשטאַנען אַ קיאָסק. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטערן קיאָסק אַזוי, אַז אים האָט מען נישט געקענט באַמערקן און ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך גוט צוקוקן צו יעדערן פון זיי. ער האָט באַטראַכט מאירן, פאַרשטאַנען, אַז דאָס קערט ער זיך אום צו די לימודים אין קיעווער אוניווערסיטעט, און אַלע איבעריקע באַגלייטן אים. לייבל האָט קיין אויג נישט געקענט אָפּרייסן אויך פון דעם צווייטן אַטלעטישן זון, גרישע, וואָס האָט אויסגעזען פּונקט ווי ער, אין די יונגע יאָרן. און לייבל האָט אַ טראַכט געטאָן: "ווען מ'שטעלט דעם גרישען אַוועק נעבן די צוויי דאָרפישע קינדער זיינע, דערקענט מען באַלד, אַז דאָס זיינען דריי ברידער".

די 13-יאָריקע סימעלע האָט אַלץ געקלעפּט צו דער מאַמען. לייבלען האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ, ווי נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, ווען דאָס דאָזיקע טעכטערל איז אַלט געווען אַ יאָר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט נאָך איצטער איר הילכיק געלעכטערל, ווען ער פלעג זי אַ כאַפּ טאָן פון דער ערד, זי אויפהייבן און זי וואַרפן אין דער הויך.

"וואָס וואָלט איך נישט אָפּגעגעבן, האָט ער געטראַכט, ווען איך קען איצטער צופאַלן צו רבקהן און איר ווידער, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, אויסקושן יעדן אבר". דערפילט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ האָר פון צולויפן צו איר, האָט ער זיך אַ ביס געטאָן אין דער האַנט אַריין, כדי זיך אָפּהאַלטן פון דעם אייליקן באַשלוס.

ווען מ'האָט אָנגעהויבן אַריינלאָזן די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן אַריין איז לייבל געווירט געוואָרן פון דער געזעגעניש. דאָס ערשטע האָט מאיר זיך צעקושט מיט דער

מומע יענטע. די נידעריקע פּולינקע יענטע, וועלכע איז שוין געווען בײַ די 50, האָט קיין קינדער נישט געהאַט. זי האָט רבקהס קינדער פֿאַררעכנט פֿאַר אירע אייגענע. זי האָט געהאַלטן דאָס נאָז-טיכעלע און די גאַנצע צייט נישט אויפֿגעהערט ווישן די אויגן. אַ געפֿיל פֿון אייפֿערזיכטיקייט האָט אַרומגעכאַפּט לייבלען, צוקוקנדיק זיך, ווי יאָסקע, יענטעס מאַן, געזעגנט זיך מיט מאירן. ער האָט אים אַרומגעכאַפּט און געקושט אַזוי, ווי ס'קען נאָר קושן אַן אייגענער פֿאָטער. סימעלע האָט זיך אויפֿגעהאָנגען מאירן אויפֿן האַלדז. זי האָט אים געקושט, געוויינט און געלאַכט. לייבלען האָט שטאַרק געוווּנדערט, ווי אַזוי רבקה געזעגנט זיך אָפּ מיט איר ערשטלינג, מיטן ליבן זונדל, וואָס פֿאָרט אַזוי ווייט אַוועק פֿון איר אויף אַ שטיק צייט. ער האָט ממש רבקהן נישט דערקענט. דאָס לעבן האָט זי איבערגעאַנדערשט, פֿאַרהאַרטעוועט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ מאָל, ווי נאָר אַ קינד האָט זיך פֿאַרקרימט, זיך גענומען קלאָגן, אַז אַ נאָגל טוט וויי, האָט רבקהלע שוין געכליפּעט. און איצט שטייט זי, האַלט זיך שטאָלץ, פֿעסט, לאָזט נישט קיין טרער.

"זי מוז זיך אַזוי האַלטן - האָט לייבל אַ טראַכט געטאָן - זי איז איצט די קינדער נישט נאָר  אַ מאַמע, נאָר מוז טראָגן דעם חוב אויך פֿאַר זייער טאַטן".

גרישע, וואָס האָט געהאָלפֿן אַריינטראָגן די שטעמאָדאַנדלעך אין וואַגאָן, איז אַרויסגעשפּרונגען ווען דער צוג האָט שוין גערירט פֿונעם אָרט. מאיר איז געשטאַנען אין וואַגאָן ביים פֿענצטער און געפּאָכעט מיט זיין אַרויסגעשטרעקטער האַנט ביזן לעצטן מאָמענט, ביז דער צוג האָט אָנגענומען די געהעריקע שנעלקייט און אַוועק ווייט פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע. נישט ווילנדיק האָט לייבל אויך אויפֿגעהויבן זיין האַנט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מאיר געזעגנט זיך אויך מיט אים, מיט זיין טאַטן. לייבל, וואָס האָט ווייניק געלאָזט אַ  טרער אין זיין לעבן, איז איצט געשטאַנען הינטער דעם קיאָסק, מיטן אַראָפּגעלאָזטן היטל איבער די אויערן, און גרויסע הייסע טרערן זיינען געלאָפֿן פֿון זיינע אויגן איבערן פּנים.

וואָס מער לייבלען האָט געצויגן צו רבקהן מיט די קינדער, אַלץ מער האָט ער גענומען פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ געפֿאַר דאָס שטעלט פֿאַר מיט זיך פֿאַר זיינע ביידע פֿאַמיליעס. ער האָט גענומען טיפֿער אַריינדרינגען אין דער געשאַפֿענער לאַגע, זיך נישט אויפֿגעהערט גריבלען אין דעם צו וואָס ער קען צופֿירן מיט זיין נישט ריכטיקן באַשלוס. און די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים ווידער אָפּגעהאַלטן פֿון אָפּרופֿן זיך צו רבקהן, ווען ער האָט זי באַגלייט אַ היים פֿונעם וואָקזאַל.

ער האָט זיך געפֿילט שטאַרק מיד און צעבראָכן און באַשטימט אַוועקגיין אין אַ האָטעל זיך אָפּרוען און ווי געהעריק באַשליסן ווי צו האַנדלען ווייטער.

דו שרעק, אַז ס'איז אוממעגלעך צו געפֿינען אַן אויסוועג פֿון זיין מאָדנער שווערער לאַגע, אַן אויסוועג, וואָס זאָל קיינעם פֿון זיינע צוויי פֿאַמיליעס נישט אַנטאָן קיין יסורים, האָט אים אַלץ מער באַהערשט. אַזוי ווי ער איז אַריין אין צימער האָט ער זיך גענומען אַרומטראָגן פֿון איין עק צום אַנדערן. אַלע מאָל איז ער געקומען צו אַן אַנדער באַשלוס און אַלע מאָל אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיך אַן אַנדער פֿראַגע. אָבער פֿון אַלע די פֿראַגן און פֿון די ענטפֿערס, האָט זיך נאָך מער געשפּאָלטן זיין מח.

"וואָס וואָלט געווען, ווען איך רוף זיך אָן צו רבקהן - האָט ער אַ פֿרעג געטאָן בײַ זיך - ווי גליקלעך מיר וואָלטן געווען". און ער האָט זיך גענומען מאָלן אַ בילד, ווי רבקה וויינט און לאַכט פֿאַר פֿרייד, כאַפּט אים אַרום אַ פֿאַרסאָפּעטע און קען זיך נישט אָפּרייסן פֿון אים.

"און וואָס וואָלט געווען – האָט ער ווידער אַ פרעג געטאָן ביי זיך – ווען איך קען פועלן ביי זיך נישט געבן צו וויסן, אַז איך לעב. די קינדער קענען מיך נישט. אפשר איין מאיר געדענקט מיך עטוואָס. רבקה האָט זיך שוין צוגעווינט צום געדאַנק, אַז איר מאַן איז אומגעקומען אויפן פראָגט. זי איז נישט איינע. טויזנטער ווייבלעך האָבן בעת דער מלחמה פאַרלוירן די מענער. אמת, אויב אַזאַ שיינע, קלוגע רבקה האָט נאָך ביז אַהער נישט געפונען פאַר זיך קיין אַנדער פריינד אין לעבן, איז זי מיר פאַרבליבן געטריי ביז היינטיקן טאָג און קער מיך נאָך אַלץ באַוויינען".

דער געדאַנק האָט אים איבערגעטראָגן אין דאָרף אַריין צו פראָסיען מיט די צוויי קינדער. "מיינע טייערע צוויי זינדעלעך – האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך – זיי זיינען דאָך אויך מיין אייגן בלוט און פלייש".

דאָרט, אין דעם רייאָנע צענטער, איז לייבל געווען דער גאָט און דער קיסר. אַלע זיינע אָנגעשטעלטע האָבן זיך אים אונטערגעוואָרפן, נישט וואַגנדיק צו דערווידערן מיט אַ וואָרט. נאָר נישט געקוקט אויף דעם איז די אַרבעט געווען אַן אָנגעשטרענגטע אַ פאַראַנטוואָרטלעכע. און זי האָט געפאָדערט נערוון, אָפט אים אויסגעמאַטערט.

"ווי זשע גייט מען אַוועק פון פראָסיען – האָט לייבל אַלץ געפרעגט ביי זיך, אַרומטראָגנדיק זיך איבערן צימער אין האָטעל – און פאַרוואָס קומט פראָסיען אַזאַ שטאַרקער קלאַפּ. זי האָט ריזקירט מיט איר לעבן, מיך אָפּגעראַטעוועט. זי האָט מיך ליב, גרייט פאַר מיר אין פייער און אין וואַסער צו גיין. מעג איך איר אָנטאָן אַזאַ ווייטיק, אַזאַ בזיון און זי איבערלאָזן? צי האָב איך רעכט אויף דעם?"

פונעם באַטראַכטן, באַקלערן די לאַגע איז ביי לייבלען דער קאָפּ געוואָרן אַזוי שווער, גלייך מ'האָט אים אָנגעפילט מיט אַ פּוד אייזן. ווי נאָר ער איז געקומען צום באַשלוס צו פאַרבלייבן מיט פראָסיען, האָט ער זיך באַלד אַ פרעג געטאָן:

"ווי זשע וועל איך קענען לעבן ווי אַ מענטש, אַז זייענדיק מיט פראָסיען, וועלן מיינע געדאַנקען זיין מיט רבקהן, און זייענדיק מיט רבקהן, וועל איך נישט אויפהערן טראַכטן פון פראָסיען?"

דאָס איז נישט קיין לעבן. ס'איז אַ מיקע און אפשר אַ סך ערגער ווי דער טויט. צעררייסן זיך אויף צווייען איז אוממעגלעך.

אַן אויסגעמאַטערטער פון די געדאַנקען און פון זיין אומגעלומפּערטער לאַגע איז ער צוגעגאַן צום פענצטער, עס ברייט געעפנט און זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם. ער איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. די גאַס איז געווען באַלעבט. מענטשן זיינען געגאַן אַ היין און צוריק. ווער ס'האָט זיך געאיילט, ווער פאַמעלעך, ווער אַליין און ווער פאַרלעכווייז. לייבל האָט דערפילט, אַז ער איז זיי מקנא. די מענטשן זעען אויס רויק, קיין שום שווערע פּראָבלעמען מוטשען זיי נישט אַזוי ווי אים. און דאָ האָט ער דערזען ווי איינער אַ מאַנסבל איז שטאַרק געלאָפן. ער איז ווי אַנטלאָפן פון ערגעץ אָדער פון עמעצן.

"ער אַנטלויפט – האָט לייבל אַ געשריי געטאָן – ער אַנטלויפט פון עמעצן"? און באַלד האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן דער געדאַנק- אַנטלויפן. אַנטלויפן. אַנטלויפן אין עק וועלט אַריין. אַנטלויפן פוןביידע. פון רבקהן און פון פראָסיען".

ער איז אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער, עס צוגעמאַכט, מורא האָבנדיק ס'זאָל אים עפּעס פון דעם אינדרויסן נישט שטערן באַקלערן דעם פּלאַן. ער האָט זיך ווידער גענומען אַרומטראָגן איבערן צימער און זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער האָט פאַרטראַכט אַ נאַרישקייט. ←

פיניע פלאָטקין

## אויף דער רויטער פּלאַנעטע

סוף-כּל-סוף האָט די ערד זיך דערוואַרט,
וואָס דער מענטש האָט אין זינען געהאַט.
אויף דער רויטער פּלאַנעטע מאַרס
שפּאַנט דער ערדס עקספּלאָריר-אַפּאַראַט.

זיין באַוועגונג, זיין טומל, זיין קול
שטיל גייט אַריבער פון אים צו אונדז,
און ס'ווינטשן אים מענטשן דערפאָלג,
כּוחות, גאָלד און זילבער, - אַלדאָס גוטס.

מיט אים באַקענען זיך האָט כּשר פאַרדינט
נאָך לאַנגע אויספאָרשונגען די ערד -
נישט אומזיסט אויף דער רויטער פּלאַנעטע אַצינד
פריילעכער ווערט, לעבעדיקער ווערט.

ער גייט, ווי אַ מזיק, מיט שטערן באַגלייט
און ווייסט נישט פון וואַנעט ווער ווער וועמען באַגריסט.
מיר הערן זיך איין וואָס דער "ספּיריט" דערציילט
און "אָפּאָרטוניטי" - ווו זיינען זיי אַצינד?

ער גייט דאָרט אַרום, שטעלט זיך אָפּ נישט געאיילט,
די הייליקע ערד וויזט אים אָן דעם מאַרשרוט -
ער איז פון אונדז ווייט - זייער ווייט, זייער ווייט,
ער איז מיט אונדז גוט - זייער גוט, זייער גוט.

(פעברואַר, 2004)

←

---

"פון פּראָסיען און פון רבקהן וועל איך אין ערגעץ נישט אַנטלויפן. ווו איך זאָל זיך נישט געפינען וועלן זיי אויף קיין סעקונדע נישט אָפּטרעטן פון מיר. אויב שוין יאָ אַנטלויפן, מוז איך אַנטלויפן פון זיך אַליין. אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי קען מען אַנטלויפן פון זיך אַליין? און לייבל האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. ער האָט לאַנג געקלערט, זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ביז ער האָט זיך פעסט אָפּגעשטעלט אויפן ענדגילטיקן אויסוועג.

ס'האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. אין צימער איז געווען טונקל, ווען לייבל האָט אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע פון זיין מונדיר און אַרויסגעשלעפּט דעם נאַגאַן.

# אַ נעפּלדיקע ווייט

צו חייםביידערס אָנדענק

ער קומט פון מיטן אָקעאַן אַן אַ באַגלייטער
און לאָזט זיך שטיל אַראָפּ, און הייבט זיך אויף.
מע זעט נישט דעמאָלט ווי אַ כוואַליע קלעטערט
און ווי אַ צווייטע קריכט אויף איר אַרויף.

און ווען אַ ווינט דעם נעפּל טרייבט פונאַנדער
אַזייגער צוועלף - אָן טומל, אָן געזאַנג,
באַמערק איך ווי אַ דאַמפּשיף רויק וואַנדערט
פון ים צו ים - אין מיטן אָקעאַן.

ער וואַנדערט אויסגעצייכנט רויק, גערן,
בלויז לעם אַ האַפן צייטווייליק בלייבט שטיין -
דאָס הייסט, אַז ס׳בלאָנדזשעט נידעריק אַ שטערן,
אַז ערגעץ רעגנט, ערגעץ שיט אַ שניי.

ער האָט דאָס רעבט פון זיין דיסטאַנץ אַראָפּגיין
און ווערן, ווי אַ מענטש, אין זיך פאַרשפאַרט -
דאָס הייסט, אַז ערגעץ נייע שטערן בלאָנדזשען,
אַז אין שפּיטאָל אַ ייד אַ חכם שטאַרבט.

ער איז געווען אַ שטערן און איז געבליבן,
אַזוי געזאָגט, מיט אַלע שטערן גלייך -
דאָס הייסט, אַז ער האָט זייער גוט געשריבן
פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר אונדז, פאַר אייך.

(אָקטאָבער, 2004)

# קינדערלעך, קינדערלעך...

צווישן אַלטע כ׳בין אַן אַלטער
מיט אַ האַרץ אַן אָנגעווייטיקט,
צווישן יונגוואַרג, ווי אַ זקן,
דרך ארץ כ׳האָב פאַרדינט.
צווישן קינדער כ׳בלייב אַ קינד
פון מאַנהעטן,
פון דובראָווקע,
פון בעסלאַן -
זיי וועלן תמיד אין מיין נשמה
זיין איינגעגלידערט, איינגעבאַקט
ווי באַ דעם באַוווסטן דאָקטער
לעאָניד ראָשאַל.

אין ישראל אומגעבראַכט.
מיין באַשעפער, מיין געטרייער!
דו ביזט מער פון אַלץ מיר טייער
און, דעריבער, כ׳וויל זאָלסט וויסן,
אַז גזלנים קינדער שיסן
אין די שולן, אין די הייזער,
אויף דער אומגליקלעכער ערד.
כ׳וויל, אַז דו זאָלסט אַ געזונטער,
די, וואָס ברענען, צינדן אונטער,
און באַ וועלכע דער געוויסן
איז אַ האַלבן גראָשן ווערט -
צושפּאַרן צו וואַנט צו יענעם,

אויך איך בענק נאָך יענע קינדער
ביז אַצינדער, ביז אַצינדער,
וואָס עס האָט דערווילדער שונא
אַז דו זאָלסט אָן מורא קענען
אומברענגען זיי פון דער וועלט.
(סעפּטעמבער, 2004)

# דיאַלאָג

– צי ווערט נישט די ליבע קעלטער
צווישן מאַן און ווייב,
ווען עס לאָזט זיך פילן די עלטער
נאָך אַ לאַנגן געמיינזאַמען לעבן? –
פלעגן מיר באַ דעם זיידעניו פרעגן.
– אָ, ניין – פלעגט דער זיידע דערקלערן, –
זי איז ווי אַ הייליקער שטערן,
אָוועלכער באַווייזט זיך און ווערט נישט,
זי איז ווי אַ הירש נישט קיין יונגער,
אָוועכלער איז פריילעך און מונטער,
ביז באַ אים אין די הערנער די אַלטע
דער מלאך-המוות באַהאַלט זיך.
– צי ווערט נישט די ליבע קעלטער
צווישן מאַן און ווייב,
ווען עס לאָזט זיך פילן די עלטער
נאָך אַ לאַנגן געמיינזאַמען לעבן? –
פלעגן מיר באַ דער באַבעניו פרעגן.
ס'פלעגט, מערסטנטייל,
פול זיין איר ענטפער
מיט וואָרטבילדונג-מיטלען,
מיט ווערטער,
אַוועלכע אַ פאַרשטעלנוג גיבן
ווי ס'דאַרפן פּאָעטן באַשרייבן
אין זייערע לידער, פּאָעמעס
דעם אמת
מיט זיינע חלומות, פּראָבלעמען,
אויף וועלכע מע מוז רעאַגירן
און וועלכע מע טאָר
נישט פאַרשווייגן.
צי דאַרף מען אַ סך דיסקוטירן,
באַמערקן, דערווייזן,
ווען אַלץ ווערט אין ליבשאַפט
און ליידן
געשאַפן, געבוירן
אין משך פון הונדערטער יאָרן
ווען פריער, ווען שפּעטער,
אַזוי ווי אַ האַרבסטיקער וועטער,
וואָס בייט זיך אָן אָנפאַל
אַ בלאָסער, אַ מידער
און קערט זין אום ווידער,
און קערט זיך אום ווידער
אומבאַמערקט, אומגעשטערט,
ווי דער ליכטזייל
נאָך אַ פינצטערער נאַכט.
(אויגוסט 2004)


אונדזער גוטן פריינד און שטענדיקן מיט אַרבעטער
דעם דיכטער

**פּיניע פּלאָטקין**

האַרציקע באַגריסונגען צו זיין 90-סטן געבוירן-יאָר.
בעסטע ווונטשן פאַר נאָך לאַנגע שאַפערישע יאָרן,
עד מאה ועשרים!

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון
"חשבון"

משה וואָלף

# שמעון וויזענטאַל, דער יעגער נאָך צווייפיסיקע חיות



שמעון (סיימאָן) וויזענטאַל איז שוין לאַנג - מער ווי 5 יאָר - אַריבער געשטיגן דעם באַריער פון אָפּרו-צייט ("בן תשעים לנוח"). ער וויל אָבער ניט און קאָן נישט רוען. זיינע שרעקלעכע איבערלעבונגען בויערן זיין זכרון און רעגן זיין אומרויקע נשמה. אויך זיינע פריינד, פילצאָליקע רעספּאָנדענטן און פאַרערער הערן ניט אויף עד-היום זיך קערן צו אים מיט פאַרשיידענע ביטעס און פראַגעס, אויף וועלכע ער באַמיט זיך (אויף וויפל ס'איז מעגלעך) געבן איסשעפּלעכע ענטפערס.

וויזענטאַל האָט אַ סך שילערס, מיטדענקער און נאָכפאָלגער, אָבער ער פאַרמאָגט אויך ניט ווייניק שונאים און ניט-פאַרגינערס. פיל מענטשן רופן אים "דער צדיק", "אמת-זוכר", "לעגענדע" און - "דער לעבעדיקער געוויסן פון יידישן פאָלק". אָבער ניט זעלטן וואַרפט מען אים אויף, אַז ער איז אַ נקמה-דאָרשטיקער, אַן אַכזר, אַ קשה לסלוח (אַ ניט פעיקער צו פאַרגעבן). מען האָט אים אַפילו באַשולדיקט אין פאַראַט - אין מיטאַרבעטן מיט די אַמעריקאַנער אויסשפּיר-דינסטן. אָבער וויזענטאַל גופא, האַלט זיך פאַר אַ היסטאָריקער און דער גרינדער פונעם "יידישן דאָקומענטן-צענטער".

אַ דאַנק די בעסטסעלערס, וועלכע זענען דערשינען און פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ סך לענדער, איז וויזענטאַל באַוווסט ווי "דער יעגער נאָך די נאַציסטישע מאַסן-מערדערס", הגם די דאָזיקע אַרבעט איז שוין לאַנג ניט געווען די וויכטיקסטע אין זיין טעטיקייט. דערצו נאָך, האָט ער אין אַפּריל חודש, פ"י געגעבן צו וויסן, אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין "יעגערישע" טעטיקייט. אין זיין אינטערוויו דער BBC-ראַדיאָ האָט ער דערקלערט: "מיין אַרבעט האָב איך פאַרענדיקט. איך האָב געפונען די שולדיקע אין מאַסנמאָרדן, וועלכע איך האָב געזוכט. איך האָב זיי אַלע איבערגעלעבט... און די געציילטע מערדער, וועלכע זענען פאַרבליבן, זענען איצט צו אַלט און אויף אַזוי פיל קראַנק, אַז זיי קאָנען שוין נישט געשטעלט ווערן פאַרן געריכט".

* * *

שמעון וויזענטאָל איז געבוירן געוואָרן אין 1908, דעצעמבער 31, אין גאַליציאַנער שטעטל בוטשאַטש - (דעמאָלט עסטרייך-אונגאַרן) אין אַ האַלב-אַסימילירטער, פאַרמעגלעכער פאַמיליע. דער פאָטער, אַן אינזשעניער, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע בירגער אין שטעטל. פון זיין טאַטן, וועלכער איז געווען זיין דערציער און דער ערשטער לערער, האָט שמעון געירשנט זיין ערנסטקייט, וויסן-גיריקייט, צילגעווענדטקייט און אויסער געוויינלעכע ערלעכקייט. שמעון האָט קיין מאָל קיינעם ניט אָפּגענאַרט און שטענדיק געהאַלטן וואָרט; ער לעבט זייער איבער, ווען מען נאַרט אים אָפּ. אין 1916, בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, נאָך דעם, ווען זיין טאַטע איז געהרגעט געוואָרן. ציט זיך אַריבער די וויזענטאַל-פאַמיליע קיין ווין. די מאַמע האָט ווידער אַמאָל חתונה געהאַט, און די גאַנצע משפּחה קערט זיך אום צוריק קיין בוטשאַטש.

אין עלטער פון 10 יאָר טרעט שמעון אַריין אין דער אָרטיקער גימנאַזיע, וועלכע ער פאַרענדיקט אין 1925.

אין 1928, ביי נישט פולע 20 יאָר, פּרוווט ער אַריינטרעטן אין דעם לעמבערגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. אָבער צו יענער צייט האָט לעמבערג זיך שוין געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פּוילן, וואָס האָט פון די ערשטע טעג פון איר ווידעראויפקום זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַנטיסעמיטיזם און מיט די פּראָצענט-נאָרמעס פאַר יידישע סטודענטן. דערפאַר האָט שמעון געמוזט פאַרלאָזן זיין היים. ער לאָזט זיך אַוועק קיין פּראָג, קומט אָן אין פּראָגער בוי-אינזשעניערן אינסטיטוט, און פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג דעם אַרכיטעקטן-פאַקולטעט. אין 1936 האָט ער חתונה מיט ציליע מיולער, און קלייבט זיך אַריבער קיין לעמבערג. דאָרט עפנט ער זיין אַרכיטעקט-ביוראָ. דריי יאָר געניסט דאָס גליקלעכע פּאָרל פון אַ גוט לעבן.

אין 1939, נאָך דעם היטלער-סטאַלין (ימח שמם וזכרם), אָפּמאַך ווערט פּוילן צעטיילט. די סאָוועטן אַנעקסירן מערב אוקראַינע. עס ווערן פאַרמאַכט אַלע פּריוואַטע אונטערנעמונגען און ס'הייבן זיך אָן אַרעסטן, "רייניקונגען" און אויספאָרשונגען. צוערשט איז אַרעסטירט געוואָרן שמעון וויזענטאַלס שטיפפאָטער (אין דער תפיסה איז ער פון פּייניקונגען געשטאָרבן). דערנאָך האָט מען אַרעסטירט דער מאַמעס ברודער. שמעון גופא האָט מיט דער הילף פון "גיבן דעם אויספאָרשער אין האַנט אַריין" (כאַבאַר) זיך געראַטעוועט.

אין די לעצטע טעג פון חודש יוני 1941, נאָך דעם דייטשישן אָנפאַל אויף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, מאַרשירן אַריין קיין לעמבערג די היטלערישע חיילות און במקום דעם סאָוועטישן טעראָר הויבט זיך אָן די נאַצישע אויסראָטונג. שמעון וויזענטאַלן, ווי אַלע אַנדערע לעמבערגער יידן, האָבן די מחבלים געטריבן אויף צוואַנגס-אַרבעט. אין אַ יאָר אַרום בעת דעם מאַסן-אומברענגן פון יידן, זענען אומגעקומען אַלע שמעונס און זיין פרויס קרובים – 89 פאַרשוין. פאַר זיין בלאָנדער פרוי, וועלכע איז מיט איר אויסזע ניט געווען ענלעך אויף אַ יידישע. האָט שמעון באַוויזן צו דעראָבערן פאַלשע אַרישע דאָקומענטן און אַלס אַ פּוילישע בירגערין – "אירענאַ קאָוואַלסקאַ", פאַרלאָזט זי לעמבערג. צוויי יאָר לעבט זי אין וואַרשע. דערנאָך, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּוילישע פרויען, ווערט זי פאַרשיקט אויף צוואַנגס-אַרבעט קיין ריינלאַנד. שמעון גופא, איז ניצול געוואָרן על פּי נס. אים האָבן די מחבלים פאַרשיקט אין יאַנאָווער שטראָף-לאַגער.

אין יוני 1943, ווען די דייטשישע רוצחים האָבן אָנגעהויבן אומברענגען די לאַגערניקעס, גיט זיך איין וויזענטאַלן צו אַנטלויפן. במשך פון אַכט חדשים באַהאַלט ער זיך אויס אין די אַרומיקע וועלדער און וואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטן. אין יוני 1944 ווערט ער ווידער געכאַפּט, און מען קערט אים אום צוריק אין יאַנאָווער שטראָף-לאַגער. דאָרט, אין אַ פינצטערן קעלער, וואַרט ער אויף צעשיסונג.

אין דער זעלבער צייט האָט די סאָוועטישע אַרמיי זיך דערנענטערט האַרט צום יאַנאָווער לאַגער. פון די 149 טויזנט אסירים זענען צו יענעם מאָמענט פאַרבליבן 34 האַלב-לעבעדיקע קאַצעטניקעס. די 200 ס.ס.-וועכטערס פונעם לאַגער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויספילן דעם באַפעל צו פאַרניכטן די לעצטע, ווייל זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אין בעסטן פאַל, ווערנדיק אומגוצלעך, וועט מען זיי אַוועקשיקן אַנטייל נעמען אין די שלאַכטן, און אויב אין בהלה וועט די קאָמאַנדשאַפט וועגן זיי פאַרגעסן און זיי איבערלאָזן אויף דער טעריטאָריע פונעם באַפרייטן לאַגער. וועלן די רויטאַרמייער זיך צערעכענען מיט זיי, ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט. דערפאַר האָבן זיי צונויפגענומען די

האַלב-לעבעדיקע קרבנות און, כדי צו באַרעכטיקן די באַדערפעניש פון אַזאַ גרויסער צאָל באַוואָפנטע באַגלייטערס, האָבן זיי פּאַראיינוועגס פאַרכאַפּט מיט זיך פיל איינוווינערס פון דערבייאיקן דאָרף כעלמיעץ און זיי געטריבן אויף מערב, אין דער ריכטונג פון די אָפּטרעטנדיקע דייטשישע אַרמיי-אָפּטיילונגען. די, וואָס האָבן פאַרלוירן די לעצטע כוחות און פלעגן פאַלן, האָבן די מערדער צעשאָסן און זיי איבערגעלאָזט ליגן אויפן וועג. די איבערגעבליבענע זענען געיאָגט געוואָרן פון איין לאַגער צום אַנדערן – דורך פלאַשאָוו, גראָס-ראָזען און בוכענוואַלד – ביז צו מאַוטהאַוזן. דעם 5טן מאַי 1945 האָט דער אַוואַנגאַרד פון דער אַמעריקאַנער טאַנקן-דיוויזיע באַפרייט וויזענטאַלן און אַ ביז גאָר קליינע צאָל ניצול געוואָרענע האַלב-לעבעדיקע שקעלעטן. דער הויך וווקסיקער וויזענטאַל האָט געוווגן ווייניקער פון 50ק"ג, און האָט זיך געוואַלגערט אין אַן עיפּושדיקן באַראַק פאַר שטאַרבנדיקע.

אַ דאַנק דער גיכער און עפעקטיווער מעדיצינישער הילף און וויזענטאַלס עקשנותדיקן ווילן צו לעבן, האָט זיך זיין געזונט-צושטאַנד גיך פאַרבעסערט. ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אָנגעהויבן זוכן זיין פרוי, און אין סוף פון 1945 האָט ער זי געפונען. אין 1946 איז ביי דעם ניסימדיקן פּאָרל געבוירן געוואָרן זייער טעכטערל פּאַולין.

פאַר וויזענטאַלן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, ווייל זיך אומקערן צו דעם פריערדיקן לעבן פון אַ שטילן, באַשיידענעם אַרכיטעקט, האָט ער שוין ניט געוואָלט און ניט געקאָנט.

* * *

אין די ערשטע וואָכן און אַפילו, חדשים, נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט ווייניק ווער געקאָנט זיך פאָרשטעלן דעם גרויזאַמען מאַסשטאַב פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק. קלאַנגען וועגן פילצאָליקע טויטלאַגערן זענען געוואָרן אַלץ דייטלעכער, נאָר זיי זענען געווען אויף אַזויפיל גרויליק, אַז דער שכל האָט נישט געקאָנט באַנעמען זייערווירקלעכקייט. ס'רוב דאָקומענטן וועגן די נאַצישע אוממענטשלעכע פאַרברעכנס האָבן די מחבלים פאַרניכטעט און די פאַרבליבענע זענען געווען טיף פאַרבאַהאַלטן.

איינער פון די ערשטע (אויב נישט דער ערשטער) וועלכער האָט פאַרשטאַנען אויף וויפל ס'איז וויכטיק תיכף-ומיד צונויפקלייבן דאָקומענטן און גביית עדות וועגן דער שואה איז געווען שמעון וויזענטאַל. "געפינען עדות איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי כאַפּן דעם פאַרברעכער" – פלעגט ער אונטערשטרייכן אין זיינע אינטערוויוען. באַזונדערס איז וויזענטאַלס מיינונג וועגן דעם דאָזיקן ענין באַרעכטיקט געוואָרן אין די טעג פונעם נירענבערגער פּראָצעס, בעת וועלכן דאָקומענטאַלע באַווייזן האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקע ראָל פאַר דעם פסק-דין, וואָס די מערדערס האָבן פאַרדינט.

שמעון וויזענטאַל האָט באַשלאָסן זיין גאַנץ לעבן ווידמען דעם אויסזוכן די מערדערס און שטעלן זיי פאַרן געריכט.

נאָך זייענדיק אין יאַנאָווער שטראָף-לאַגער פלעגט ער פּעדאַנטיש פאַרשרייבן די נעמען און די אויסערלעכע סימנים פון די וועכטער און די מערדער, וועלכע פלעגן פייניקן און דערנאָך הרגענען די קרבנות. דעם 21 מאַי 1945 האָט ער איבערגעגעבן די אַמעריקאַנער מיליטער-אַמטן אַ רשימה פון 91 נעמען. (דערנאָך, במשך פון זיין אומאויפהערלעכער אַרבעט, האָט די רשימה אַריינגענומען 22500 נעמען). אין 1947 האָט וויזענטאַל צוזאַמען מיט 30 וואָלונטירן געגרינדעט אין לינץ (עסטרייך) דעם "יידישן היסטאָרישן דאָקומענטן-צענטער", ווו עס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן

צענדליקער טויזנטער מאַטעריאַלן, וועלכע זענען שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן ווי וואָרהאַפטיקע שולד-באַווייזן קעגן די אויסגעזוכטע נאַציִשע מערדער.

איינצייטיק האָבן וויזענטאַל און זיינע מיטאַרבעטער אָנגעהויבן אויסזוכן די רוצחים, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן, אונטער פאַלשע דאָקומענטן, אַנטלויפן פון דייטשלאַנד און זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשיידענע לענדער. שוין אין 1945, מיט דער הילף פון דער אָנפירונג פון די "אַמעריקאַנער סטראַטעגישע דינסטן", האָט וויזענטאַל אָנגעהויבן זוכן דעם פאַרשווּנדענעם באַלד נאָכן סוף פון דער מלחמה, אַדאָלף אייכמאַנען, וועלכער איז געווען אין דער ס.ס-אָנפירונג דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער "ענדגילטיקער לייזונג" פון דער יידן-פּראָבלעם.

דרך אגב, גראָד די אָנגעוויזענע אויבן פאַרבינדונגען מיט דער אַמעריקאַנער אויסשפּיר-דינסט האָבן געגעבן וויזענטאַלס שונאים אַ געלעגנהייט צו באַשולדיקן אים, אַז ער איז אַן אָנגעשטעלטער פון די אַמעריקאַנער אויסשפּיר-דינסטן און אַרבעט נאָר לטובת אַמעריקע. אויף די דאָזיקע באַשולדיקונגען האָט ער געענטפערט: "מיין איינציקער באַשטעלער איז מיין יידישער געוויסן". אין כלל, אָבער, - וויזענטאַלס אומאָפּהענגיקייט און איינגעשפּאַרטקייט האָבן ניט איין מאָל אויפגעבראַכט די אָנגעשטעלטע פון פאַרשיידענע אויסלענדישע סטרוקטורן און שווער געמאַכט מיטצואַרבעטן מיט אים. וויזענטאַל האָט קיין מאָל ניט געוואָלט זיך רעכענען מיט "העכסטער" פּאָליטישער צילמעסיקייט.

ווי עס איז באַוווּסט, צוזאַמען מיט דעם אויפשטייג פון דער "קאַלטער מלחמה" צווישן די אַמאָליקע אַליאירטע מלוכות, באַזונדערס, צווישן אַמעריקע און דעם ראַטן-פאַרבאַנד, האָבן די רעגירונגען פון די דאָזיקע לענדער פאַרלוירן דעם אינטערעס צו זוכן די אַנטרינענע נאַצי-באַנדיטן. טאַקע דערפאַר האָט וויזענטאַל מיט זיינע וואָלונטירן באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם "צענטער" אין לינץ און אַלע דאָקומענטן זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם אַרכיוו פון "יד ושם מוזיי" אין ירושלים. - אַלע, אַ חוץ איינעם - חוץ דעם "דאָסיע" פון אַדאָלף אייכמאַנען.

בלי ספק, די אויסזוכונג און דאָס כאַפּן אייכמאַנען איז דער גלענצנדיקסטער פאַל אין דער געשיכטע פון מלחמה-פאַרברעכערס-אַנטדעקונגען. באַזונדערע עפּיזאָדן, וויאַזוי די מוסד-אַגענטן האָבן אויסגעשפּירט, געקידנעפּט און אַרויסגעפירט אייכמאַנען קיין ישראל, און וויאַזוי מען האָט אים געמשפּט און געטויט, זענען גוט באַוווּסט, באַזונדערס איצט, ווען עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אייכמאַנס זכרונות, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין דער תפיסה (ובשעתה, האָט די ישראל רעגירונג אַרויפגעלייגט אַ 25-יאָריקן עמבאַרגאָ אויף צו פאַרעפנטלעכן זיי). אָבער די ערשטע זוכונגען, וועלכע עס האָט געפירט שמעון וויזענטאַל גופא, זענען אויך אָנגעפילט מיט דעטעקטיווע פּרטים, וועלכע זענען אַנטדעקט געוואָרן נאָר בעת דעם פּראָצעס. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט אייכמאַן פאַרלאָזט דייטשלאַנד אין סוף פון די 50-קער יאָרן און ביז דעמאָלט האָט ער רויק געלעבט אין זיין פאָטערלאַנד אונטער אַ פאַלשן נאָמען. נאָך מער, נאָך דעם, ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָבן די אַמעריקאַנער 2 מאָל אים פאַרהאַלטן און אינטערנירט אין אַ לאַגער פאַר קריגס-געפאַנגענע. און ביידע מאָל האָבן זיי אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, מחמת ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אויסבאַהאַלטן זיין עכטן נאָמען. אין 1947 האָט אייכמאַנס פרוי, וויערא, זיך געווענדט צום געריכט, וועלכער האָט אָפיציעל אָנערקענט, אַז איר פאַרשווּנדענער מאַן איז געשטאָרבן. נאָך דעם האָבן די ביז גאָר שווערע זוכונגען זיך אָנגעשטויסן אין ערנסטע פאָרמעלע

שטערונגען. און דאָך, שוין אין 1953 האָט וויזענטאַל אויסגעפונען, אַז אייכמאַן, אונטערן נאָמען "ריקאַרדאָ מעמענט", לעבט אין אַרגענטינע. די דאָזיקע ידיעות האָט וויזענטאַל תיכּף ומיד איבערגעגעבן דורך דער ישראל-אַמבאַסאַדע אין ווין, צו די געהעריקע אויספּיר-אָרגאַנען אין ישראל.

באַגייסטערט מיט דעם דערפאָלג - מיט דעם, אַז, אַ דאַנק זיינע באַמיונגען, איז אייכמאַן געכאַפּט געוואָרן, עפנט וויזענטאַל ווידעראַמאָל דעם "יידישן דאָקומענטן-צענטער", דאָס מאָל אין ווין, און קאָנצענטרירט זיינע באַמיונגען, אויסשליסלעך, אויף זיין געיעג נאָך די רוצחים, וואָס האָבן בעתן קריג אומגעבראַכט אונדזערע אומשולדיקע עלטערן, ברידער און שוועסטער.

זיין טאָג-טעגלעכע מי האָט געבראַכט דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן.

אין 1963 גיט זיך איין וויזענטאַלן צו אַנטדעקן דעם רוצח, וועלכער האָט אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ די 14-יאָריקע אַננאַ פראַנק. נאָך דעם ווי זי האָט צוויי יאָר זיך אויסבאַהאַלטן אין אַמסטערדאַם אויף אַ בוידעם. קאַרל יאָזעף זילבערבערגער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פּאָליציאַנט. ביז דער מלחמה האָט ער געדינט אין ווינער פּאָליצײַ-אַמט. דערנאָך, פאַר זיינע "גרויסע פאַרדינסטן", האָט מען אים געשיקט דינען אין אָקופּירטן אַמסטערדאַם נאָך דער מלחמה קערט ער זיך אום צוריק קיין ווין, וווּ ער וווינט און אַרבעט ביז צום אַרעסט. בעת דער ערשטער אויספאָרשונג האָט ער זיך מודה געווען: "יאָ, איך האָב אַרעסטירט אַננאַ פראַנק".

אין אָקטאָבער 1966 זענען אין שטוטגאַרט (מערב-דייטשלאַנד), פאַר אַנטייל נעמען אין דער צעשיסונג פון די לעמבערגער יידן, געשטעלט געוואָרן צום געריכט 16 נאַצי-אָפּיצערן. 9 פון זיי האָט אויסגעפונען שמעון וויזענטאַל. צו זיין דערפאָלגרייכן "יאַגד" געהערט אויך דאָס געפינען די בעסטיע פראַנץ שטאַנגעל - דעם קאָמענדאַנט פון די טויט-לאַגערן אין טרעבלינקע און סאָביבאָר. נאָך 3 יאָר פון שווערע זוכונגען האָט וויזענטאַל אים געפונען אין בראַזיל פון וואַנען מען האָט אים דעפּאָרטירט קיין מערב-דייטשלאַנד. אין 1970 האָט דער געריכט פעסטגעשטעלט, אַז שטאַנגעל האָט אומגעבראַכט 400 טויזנט מענטשן, און האָט אים פאַרמשפּט צו לעבנס לאַנגער תּפיסה. אין תּפיסה האָט ער "אויסגעצויגן די פיס".

אין 1967 איז אַרויס פון דרוק וויזענטאַלס זכרונות-בוך "די מערדערס צווישן אונדז" (*The Murderers Among Us*). בעת זיין באַזוך אין אַמעריקע האָט וויזענטאַל דערציילט, אַז ער האָט אויסגעפונען די אויפזעערין פון דעם קינדער-באַראַק אין מיידאַנעק, הערמין רייען-בראַונשטיינער, וועלכע האָט אומגעבראַכט עטלעכע הונדערט קינדער. אַ דאַנק וויזענטאַלס באַמיונגען איז זי עקסטראַדירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד און פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנס לאַנגער תּפיסה.

ס'פאַרשטייט זיך, נישט אַלע פאַרברעכערס האָט זיך וויזענטאַלן איינגעגעבן אויסצוזוכן. אַזוי האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו געפינען יאָזעף מענגעלען - דעם הויפּט דאָקטאָר פון אוישוויץ. די אַזוי גערופענע נייטראַלע שווייצאַריע האָט אים, ווי אַ סך אַנדערע מלחמה-פאַרברעכערס, פאַרבאַהאַלטן און אונטער אַ פרעמדן נאָמען אים אַריבערגעפעקלט קיין אַרגענטינע און דערנאָך קיין בראַזיל, ווו אין 1979 האָט מיט אַ בלוט-אויסגוס זיך פאַרענדיקט זיין פאַרברעכעריש לעבן, ישׂ'ו.

וויזענטאַלן פלעגט מען אָפט פרעגן, וואָס האָט אים געצוווּנגען מיט אַזאַ אימפּעט אַזוי פיל יאָרן זיך יאָגן נאָך די מערדער. קלייד פאַרנסוואָרט האָט באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע אין זיין אַרטיקל אין "ניו יאָרק טיימס מאַגאַזין" (New York Times

(Magazine, Feb. 2, 1964: וויזענטאַל זייענדיק אין ניו-יאָרק, האָט באַזוכט זיינעם אַ פריינד, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעפּינצטערט יאָרן אין דעם געפּערלעכן מאַוטהאַוזען-לאַגער. אין ניו-יאָרק איז ער געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער יוועליר. בעת זייער שמועס האָט ער, דרך אגב, מיט באַדויער געזאָגט צו זיין גאַסט: "דו ביסט דאָך אַ טאַלאַנטפולער אַרכיטעקט. אויב נאָך דער באַפרייונג וואָלסטו אָנגעהויבן בויען הייזער, וואָלסטו שוין איצט געווען אַ מיליאָנער". אויף דעם האָט וויזענטאַל געענטפערט: - דו, מיין פריינד, גלויבסט אין גאָט און אין עולם הבא. איך גלויב אויך. נאָר ווען אויף יענער וועלט וועלן מיר זיך טרעפן מיט די מיליאָנען מענטשן, וועלכע זענען אומגעקומען אין די לאַגערן, און זיי וועלן אונדז פרעגן, "וואָס האָט איר אויף דעם עולם הזה אויפגעטאָן?" - אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָן מען ענטפערן פאַרשידן. דו וועסט זאָגן: "איך בין געוואָרן אַ יוועליר", אַן אַנדערער וועט זאָגן: "איך האָב זיך פאַרנומען מיט קאָנטראַבאַנדע - געשמוגלט קאַווע און ציגאַרעטן פון אַמעריקע", אַ דריטער - "איך האָב געבויט הייזער". אָבער איך וועל זיי זאָגן - "איך האָב אייך נישט פאַרגעסן".

און דאָך, האָט מען וויזנטאַלן נישט איין מאָל פאַרגעוואָרפן, אַז דער עכטער מאָטיוו פון זיינע זוכונגען איז געווען זיין ליידנשאַפטלעכער ווילן צו נעמען נקמה. לאָמיר אויף אַ מינוט דערלאָזן, אַז דאָס איז געווען טאַקע אַזוי. ס'פרעגט זיך אָבער, צי דען האָט נישט אַ מענטש מיט אַזאַ פיינלעכן גורל ווי עס איז אויסגעפאַלן אויף וויזענטאַלן, דאָס מאָראַלישע רעכט אויף נקמה? - דאָס רעכט, וואָס עס האָט סאַנקציאָנירט די תורה, און ווערט במשך פון טויזנטער יאָרן פראַקטיצירט דורך דער מענטשהייט - "עין תחת עין"? און דאָך, אומאויפהערלעך חזרט איבער וויזענטאַל, אַז ניט נקמה זוכט ער - נאָר גערעכטיקייט. - "צדק צדק תרדף" - לערנט אונדז דער אַלוועלטלעכער מאָראַלישער און יורידישער קאָדעקס. - אונדזער תורה!

ניט שטענדיק האָט זיך אים איינגעגעבן איבערצוצייגן זיינע קעגנערס.

דאָ מוז מען באַטאָנען, אַז די רופן "צו פאַרגעסן די אַלטע ווונדן" און "שלום מאַכן", לאָזן זיך אָפּט הערן פון די פאַרברעכערס, פון זייערע אָפּשטאַמלינגען. אָבער די פראָצעדור פון מחילה - יעדנפאַלס אין געוויינלעכן לעבן, אין טאָגטעגלעכע אומשטאַנדן - האָט בדעה, אַז דער שולדיקער בעט מען זאָל אים פאַרגעבן. אין דערווירקלעקייט אָבער קומט דאָס פאַר זייער זעלטן. און אויב מען קאָן זאָגן, אַז דאָס נאַציאָנאַלע שלאָגן זיך "על חטא", האָט במשך פון צענדליקער יאָרן באַשטימט דעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון מערב-דייטשלאַנד, האָבן, אָבער, וויזענטאַלס "קליענטן" קיין מאָל ניט געבעטן מען זאָל זיי מוחל זיין. וויזענטאַל, גופא, האָט אין זיינע אינטערוויוען ניט איין מאָל דערציילט, אַז בעת די געריכט-פראָצעסן האָבן די באַשולדיקטע געלאַכט, געליקנט די באַשיימפערלעכע באַווייזן, מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט אַרויסצודרייען פון ענטפערן אויף די פראַגעס פון די פראָקוראָרן און פון די ריכטערס, און קיין איין מאָל האָבן זיי קיין חרטה נישט געהאַט און קיין מאָל ניט געבעטן מחילה.

וויזענטאַל האָט פיל מאָל באַטאָנט, אַז דער זין פון אויסזוכן די אַנטרינענע פאַרברעכערס, באַשטייט נישט נאָר אין געפינען דעם קאָנקרעטן פראַנצן, יאָזעפן אָדער אַדאָלפן, נאָר - מער אין דעם, אַז די שולדיקע אין פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט זאָלן קיין מאָל זיך נישט פילן געפאַרלאָזט. "דער הויפּט-זין פון מיין אַרבעט פאַר די לעצטע 50 יאָר" - שטרייכט אונטער וויזענטאַל - "באַשטייט אין דעם, אַז די מאָרגנדיקע מערדער זאָלן וויסן, אַז זיי וועלן אין קיין שום לאַנד ניט געפינען קיין מקום מקלט און קיין רו".

שמעון וויזענטאַל האָט באַזוכט פאַרשיידענע לענדער און בתוכם אויך די יידישע מדינה - ישראל. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס רעספּעקט און מיט פריינדשאַפט. בעת זיין וויילן אין ירושלים איז ער אַוועק צום כותל מערבי און דאָרט האָט ער, נאָך אַ ביז גאָר לאַנגן איבעררייס, (און אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן) אָנגעהויבן לייגן תפילין. דאָס האָט אין ישראל אַרויסגערופן ביי אייניקע פון זיינע באַקאַנטע פאַרוואונדערונג. מען פלעגט אים פרעגן, צי ער גלויבט אין גאָט? אויף דער דאָזיקער פּראָוואָצירנדיקער פראַגע האָט ער. ניט וואַקלענדיק זיך אויף קיין איין רגע, געענטפערט: - "ווי אַנדערש? דער, וואָס איז אַרויס אַ לעבעדיקער פון גיהנום מוז גלויבן אין זיין אַלמעכטיקייט!. אָן גאָטס אויפזען און אָן זיין ווילן וואָלט איך נישט ניצול געוואָרן און קיין מוט ניט באַקומען אויסצופילן זיין שליחות".

וויזענטאַל פלעגט אָפט באַקומען אַנאָנימע וואָרענונגען און שענדלעכע בריוו מיט קללות און באַליידיקונגען. אין יוני 1982 האָט זיך אויפגעריסן אַ באָמבע ביי דער אַריינגאַנג-טיר פון זיין הויז. פון דעמאָלט אָן האָט די מאַכט אַוועקגעשטעלט אַ מעת-לעתדיקע באַוואָפנטע וואַך, וואָס באַשיצט זיין הויז. איין דייטשישער - און עטלעכע עסטרייכישע נעאָ-נאַציסטן זענען פאַרמשפט געוואָרן צו 5 יאָר תפיסה.

וויזענטאַל איז פיל מאָל באַלוינט געוואָרן מיט פאַרשיידענע פרייזן פון דער עסטרייכישער און פראַנצויזישער ווידערשטאַנד-באַוועגונגען; - אויך מיט דעם דענישן פריהייט-מעדאַל און מיט דעם לוקסענבורגער פריהייט-מעדאַל. די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט אים באַערט מיט אַ ספּעציעלן רעפיוזניק-פרייז; אין 1980 האָט דער פרעזידענט פון פ"ש, דזשימי קאַרטער, אים איבערגעגעבן דעם גאָלדענעם קאָנגערס-מעדאַל. אין 1986 איז ער באַלוינט געוואָרן מיט דעם ערן-מעדאַל פון פראַנצויזישן לעגיאָן. אין יוני 2004 האָט די ענגלישע קרוין-מלכה צוגעאייגנט וויזענטאַלן דעם ריטער-טיטל.

דאָס אַלץ האָט ער ערלעך פאַרדינט.

פאַר דעם אַלץ קומט אים אַ יישר כוח און אריכות ימים עד מאה ועשרים. אמן!

---

(סוף פון ז' 8)

איז אַלץ אָן אָטעם? ווייעט פון הינטער דער טיר דער אומעט אָדער די פרייד? און אפשר גאָר,ביידע צוזאַמען הויזן זיי דאָרט, אי אומעט, אי פרייד! מיין טיר, די טיר וועלכע וועט אייביק בלייבן - די טיר פון אָנהייב און סוף.

...די זון-שטראַלן האָבן זיך אַדורכגעבראָכן דורך דער רעגן-גרויקייט. טראָפּנס רעגן זיינען געהאָנגען אויף די פענצטער, ווי טרערן. די גרינקייט פונעם גראָז איז געווען פריש. די "גן-עדן בלומען" זיינען געשטאַנען אין זייער מייעסטעטישער שיינקייט, און די ראָבן אויף די שפּיץ ביימער זיינען געווען פאַרנומען מיט זייער קראַקערײ... כ'האָב אויפגעעפנט פאַמעלעך די טיר. געשטאַנען אין איר פאַר אַ ווײַלע. כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן און איינגעעטעמט די נאָכרעגנדיקע פרישקייט. מיינע אַלטע טירן זיינען היינט געווען מיט מיר, אין מיר! נאָר די גרויסע שווערע טיר מיט דעם אייזערנעם שלאָס וועט אייביק זיין פאַרשלאָסן - דאָרט נעסטיקט מיין, אונדזער "וועזן". דאָרט איז די צייט פאַרגליווערטע געבליבן שטיין און אייביק וועל איך זי האַלטן אָפן אין מיר, טיף אין מיר! און יעדע טיר וועט דערציילן געשיכטעס. געשיכטעס פון לעבן, פון "איצט" און "נעכטן", פון "היינט" און "מאָרגן" - טירן, מיינע טירן!

אהרן שפּירא / קרית ביאַליק

# יחיאל-ישעיה טרונק
## שרייבער-פילאָזאָף, און קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר

דער באַוווסטער שרייבער, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט צווישן ביידע וועלט-מלחמות, אפרים קאַגאַנאָווסקי, דערציילט אין זיין בוך נאָוועלעס "יידישע שרייבער אין דער היים", וועגן יחיאל-ישעיה טרונקן. ער האָט אים צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט אַ פּעקל כתובים אונטערן אָרעם ביי י.ל. פּרצן אין שטוב, ווו ער, קאַגאַנאָווסקי, פלעגט זיין אַן אָפטער איינגייער. טרונק איז געקומען צו פּרצן וועגן אַ הסכמה פאַר זיינע נאָר וואָס אָנגעשריבענע חיבורים

אַ. קאַגאַנאָווסקי שרייבט: "י.ל. פּרץ האָט געחלומט וועגן אַ שיינער יידישער וועלט. ער האָט זי געזוכט אין דער גייסטיקער ספערע פון דער יידישער אינטעליגענץ. פּרץ האָט געשטרעבט צו אַ גרויסער און גייטיקער צוזאַמענקנעטונג פון דעם אַריסטאָקראַטישן, טיף איינגעוואָרצלטן און מעכטיקן, מיט דער רוי-ערד פון פאָלק. פון אַזאַ האַרמאָניזירונג האָט ער געשטרעבט אַרויסצובאַקומען אַ גרויס-רייכטום פאַרן צוקונפטיקן לעבן און שאַפן פונעם פוילישן יידנטום.

אין איינעם אַ טאָג, האָט פּרץ אויסגעשריגן מיט אַנטציקונג:

– מיר האָבן שוין אַ "כראַביע פּאָטאָצקי" אויך!...

דאָס איז געווען ווען י.י. טרונק, אַ בלייכער חסידישער יונגערמאַן מיט אַ קליין באַוואַקסן געלבלעך בערדל, מיט אַ העלע הויט אויפן פּנים און בלויע, פאַרחלומטע אויגן, האָט זיך באַוויזן ביי פּרצן אין שטוב צו קריגן אַ הסכמה פאַר זיינע ערשטע חיבורים.

פּרץ האָט אין טרונקן געפונען אַלע עלעמענטן פון זיין אויסגעחלומטער פולקאָמקייט. ווייל טרונק איז געקומען פון תורה, פון ייחוס, פון געלט, מיט אַ צולאָג: געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון יידן ערד-באַזיצערס – "דזשעדזשיצעס". חוץ שרייבערישן אינטעלעקט, האָט פּרץ געפונען אין טרונקן אויך אַ "כראַביע פּאָטאָצקי" – אַ פאַרשטייער פון יידישן אַדל.

ס'האָט זיך אָבער גיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שרייבער י.י. טרונק איז אין זיין אויפפירונג געווען ווייט פון אַ גראַף פּאָטאָצקי. ער איז געווען אַ היפּער-דעמאָקראַט. ער פלעגט עסן פּראָסטע עסנס. ער האָט קיין מאָל זיך נישט באַוויזן מיטן בייטל געלט. אין זיינע מעשיות האָט ער חוזק געמאַכט פון אַריסטאָקראַטן. מיט זיין באַשיידענער אויפפירונג האָט ער צעשטערט פּרצעס חלום וועגן "אַ כראַביע פּאָטאָצקי" אין דער יידישער ליטעראַטור".

* * *

יחיאל-ישעיה טרונק איז געבוירן אין יאָר 1887 ביי זיין רייכן זיידן אין הויז, אין אַסמולסקער פּאַלוואַרק, נישט ווייט פון דער פּוילישער שטאָט לאָוויטש. אַ דערצויגענער ווי אַ צעבאַלעוועט גביריש בן-יחידל אין מילך און אין האָניק, האָט זיך אין קליינעם יחיאל פון קינדווייז אָן אַנטוויקלט אַן עגאָצענטריש געפיל. אַז עס עקזיסטירט עלנטקייט, הונגער און נויט אויף דער וועלט, פלעגט ער הערן פון זיין זיידן, ר' ברוך גזשעוואַטשעס מעשיות, צו וועלכע ער פלעגט זיך צוהערן מיט קינדישער נייגעריקייט. דעם זיידנס מעשיות האָבן אים געקלונגען ווי רעקוויזיטן פון טרויעריקע געשיכטעס, וואָס מאַכן

פייכט די אויגן און דריקן ביים האַרץ. אָבער לעבעדיקע עלנטע מענטשן, נויט און הונגער ווי אַ טייל פון דער זאַטער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, האָט ער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן.

מיט די ערשטע עלנטע און אָרעמע מענטשן האָט ער זיך געטראָפן, ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר. דאָס זענען געווען די קינדער פון ר' זלמן גאַזשעלאָנע, וועלכער האָט געאַרבעט ביי זיין זיידן און געלעבט פון מיזערנעם לוין, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין אַרבעט. די גרויסע אָרעמקייט, אין וועלכער זלמן גאַזשעלאָנע האָט געלעבט, האָט מען געזען אויף זיינע קינדער. די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען נאַקעט און באָרוועס מיט אויסגעקרימטע, ראַכיטישע פיסלעך...

*"איין מאָל אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג - דערציילט טרונק - האָב איך שפּאַצירט אין סאָד. אין האַנט האָב איך געהאַלטן אַ לעדערנע שפּיצרוט, וואָס דער אָפּגעקומענער פּריץ גאָנשאַראָווסקי, וועלכער האָט געדינט ביי מיין זיידן, האָט מיר געשענקט.*

*די ביימער אין סאָד זענען געשטאַנען אָנגעלאָדן מיט אַ שפע פרוכטן. איך האָב געפילט אין מיין בלוט די ריחות פון פרייקייט און פרוכטן און כ'בין האָפּערדיק אַרומגעשפּרונגען אין גראָז. פּלוצלינג האָב איך דערזען איינעם פון ר' זלמנס קינדער - דאָס יינגעלע אין מיין עלטער. ער איז געשטאַנען מיטן רוקן צו מיר, אַ באָרוועסער, אַן אָפּגעריסענער, אַ האַלב נאַקעטער, און געקוקט אויף די רויטע זאַפטיקע עפּל, וואָס זענען שווער אַראָפּגעהאַנגען פון די צווייגן. איך בין געבליבן שטיין הינטער אים.*

*די עלענטקייט פון דעם אָרעמען יינגל האָט מיך ווי אויפגערעגט. אַן אָפּגעריסענער, אָרעמער מענטש אין מיטן דער צעשמעקטקייט פון זוניקן אויבסטסאָד, וועלכער געהערט צו מיר און מיין משפחה, ווי קומט ער אַהער אונטער דעם פולן בוים מיט רויטע, שמעקנדיקע עפל?...*

*פּלוצלינג בין איך צו אים צו, כ'האָב אויפגעהויבן די שפּיצרוט, און מיט דער גאַנצער קראַפט זי אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פלייצע. דאָס יינגל האָט קראַמפּהאַפטיק אַ ציטער געטאָן פון שרעק און פון ווייטיק. ער האָט זיך צו מיר אַ דריי אויס געגעבן. ער האָט מיך דערקענט און זיך הכנעהדיק איינגעבויגן... זיינע אויגן זענען געווען פייכט פון ווייטיק און פון שרעק... פון דער פייכטקייט פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ טיף-חייהשער האַס, וואָס האָט מיר אַ ברי געטאָן ווי טויזנט פייערן וואָלטן געברענט אויף מיין הויט... איך האָב אַ לאָז אַרויס געטאָן די שפּיצרוט פון דער האַנט און געבליבן שטיין ווי אַ געליימטער. דאָס יינגל איז אַנטלאָפן.*

*איך בין לאַנג געשטאַנען און אים נאָכגעקוקט. איך האָב נאָך אַלץ געזען זיינע אויגן, וואָס קוקן אויף מיר מיט ווייטיק און מיט האַס... איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף מיינע הענט ווי אויף פרעמדע, פיינטלעכע באַשעפענישן, און כ'האָב באַקומען צו זיי דאָס געפיל פון עקל... אין מיין האַרץ האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אויפגעוועקט אַ געפיל פון אַ גרויסער און מוראדיקער זינד. דאָס געוויסן האָט זיך געעפנט אין מיין האַרצן ווי אַ טיפע בלוטיקע וווּנד צוזאַמען מיט אַן אומגעהויערער בושה, פאַר וועלכער איך האָב מיר אַליין נישט געקענט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון".*

ס'זענען אַוועק יאָרן, און אין טרונקס באַוווסטזיין האָבן גענומען אַריינדרינגען נייע געדאַנקען. ער האָט אַ מאָל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון זיין רייכער דירה אויף פּיאָטרקאָווער גאַס אין לאָדזש און זיך צוגעקוקט צו אַ בלוטיקער דעמאָנסטראַציע פון דער באַלוטער אָרעמקייט קעגן די רייכע באַלעבאַטים, צו וועלכע זיין משפחה האָט געהערט. ער האָט געזען, ווי די צאַרישע פּאָליציי און קאָזאַקן אויף פערד האָבן

מערדעריש געשאָסן און צעטראָטן די דעמאָנסטראַנטן, איבערלאָזנדיק הונדערטער טויטע און פאַרווונדעטע אַרבעטער אויפן ברוק. יחיאלס געוויסן האָט אויפגעברויזט. ס'האָבן אים באַהערשט רחמנות-געפילן צו די אומגליקלעכע אָרעמע מענטשן, כאָטש די פיילן פון די דעמאָנסטראַנטן זענען געווען געווענדט קעגן אים און קעגן זיין משפחה. ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין אים אַמביוואַלענטע געפילן: פון איין זייט, געהערט ער צום רייכן שטאַם, פון דער אַנדערער, האָט ער געוויסנהאַפט אָנגעהויבן זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער באַלוטער אָרעמקייט.

שפּעטער מיט יאָרן האָט טרונק, אין איינער פון זיינע נאָוועלן באַשריבן מיט סאַרקאַזם דאָס לעבן פון די באַלוטער אָרעמע אַרבעטער, געזען מיט די אויגן פון זיין גמרא-מלמד ר' אהרן יוסף, וועלכער איז, אגב, אַליין געווען אַ קבצן אין זיבן פּאַלעס. דער מלמד האָט זיך באַקלאָגט פאַר טרונקן אויף די אפיקורסישע קינדער פון דער באַלוטער אָרמעקייט.

*"אַז ס'זענען פאַראַן אפיקורסים ביי יידן - האָט דער מלמד געזאָגט, - ווייס איך פון לאַנג. אָבער דאָס, וואָס עס טוט זיך צווישן די פּראָסטע בעלי-מלאכהשע קינדער פון אָרעמע-לייט האָט איבערגעשטיגן אַלע מיינע השגות... באַלוטער יונגען און מיידן נעמען זיך צוזאַמען אין אַ חברה "אחדות", זאַמלען זיך אין די וועלדער הינטער לאָדזש, אָדער אויף בוידעמער, אָדער אויפן בית-הקברות און האַלטן אויסטערלישע דרשות, אַז די אויערן טוען וויי צו הערן... דהיינו: אַז ס'איז נישטאָ קיין נשמה און קיין "מלאך-הדומה", נייערט אין בויך פון מענטש איז פאַראַן "אַ מאשינדל מיט גאַז" און ווען דער גאַז גייט אויס, שטאַרבט מען... מען רעדט אויס אויף מלכות, וואָס אַ ייד טאָ גאָרנישט ברענגען איבערן מויל. עק וועלט!... און ווער? קבצנים, "צעריסענע הויזן און צעריסענע שיך"...*

טרונק האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ בוך נאָוועלעס אונטערן נאָמען "פון דער נאַטור". אין דעם בוך שילדערט ער נאַטור-פייזאַזשן, ים, בערג, פישער-געשיכטעס און אַנדערע. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן נאָך אַ בוך נאָוועלעס אונטערן נאָמען "פייגנבוימער", אין דעם בוך זענען אַריין נאָוועלעס וועגן דער תנ"כיש-היסטאָרישער ליבע צווישן רות-המואביה מיט בועזן, פון וועלכער ס'איז אַרויס דוד המלך, און אַ ריי אַנדערע היסטאָרישע דערציילונגען. אונטערן איינפלוסט פון פרצעס וועלטלעכן אידעאַליזם האָט ער זיין שפּעטערדיקע שאַפונג געווידמעט טעמעס וועגן חשבון-הנפש. ער האָט שטודירט דעם "מורה-נבוכים" פון רמב"ם, די מיסטישע קבלה פון האר"י און פון ר' חיים וויטאַל, די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיעס פון פּלאַטאָ, לייבניץ, העגעל, קאַנט און ניטשע, און אויך די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע פון דעמאָקריט, עפּיקור, מאַרקס און ענגעלס.

מיט דעם פילאָזאָפישן באַגאַזש האָט טרונק זיך אַריינגעלאָזט אין היסטאָרישע געשיכטעס. ער האָט אָנגעשריבן אַ פילאָזאָפישן ראָמאַן מיטן נאָמען "משיח געוויטער", דעם ראָמאַן האָט ער געבויט אויפן פאָן פון אַ ליבע צווישן דעם אַסקעטישן פאַלשן משיח שבתאי צבי און דעם ניצול געוואָרענעם מיידל פון כמעלניצקיס פּאָגראָם , שרה. טרונק פאַרענדיקט דעם ראָמאַן מיט אַ ריי דיאַלאָגן צווישן מחבר און לייענער, אין וועלכע ער ברענגט אַרויס זיין פילאָזאָפישן אני-מאמין וועגן געטלעכקייט, יידן און זייער גלויבן אין משיח. די דיאַלאָגן גיבן דעם לייענער פיל צו טראַכטן וועגן טרונקס אידעאַליסטישן קוק אויפן וועלט-באַשאַף.

אין בוך נאָוועלעס מיטן נאָמען "דער פעלדהער יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים" האָט טרונק אויסגעדריקט אין ליטעראַרישן זשאַנער זיין סאָציאַליסטישן און הומאַנישן וועלט-באַנעם, וואָס האָט זיך ביי אים אויסקריסטאַליזירט בעתן שטודירן די רוימישע און גריכישע געשיכטע.

אין דער נאָוועלע "דער בריוו צו נאָוואַטוסן" דערציילט טרונק וועגן לוציוס אַננעוס סענעקאַ, אַ געוועזענער מיניסטער ביים קיסר נעראָ. ער איז געווען אַ באַזיצער פון גיטער, דערצו אַ באַרגער פון געלט אויף הויכע פּראָצענטן. די אַלע באַשעפטיקונגען האָבן אים נישט געשטערט אויך צו זיין אַ סטאָאישער פילאָזאָף. (אין אַלט-גריכישן אוניווערסיטעט איז געווען צוגעבויט אַ לאַבי, אונטערגעשפּאַרט מיט קאָלאָנעס. די לאַבי האָט זיך גערופן "סטאָיאַ". אין לאַבי זענען געשטאַנען בענק, אויף זיי פלעגן זיך אויסזעצן פילאָזאָפן און דיסקוטירן. די דיסקוטאַנטן האָבן זיך גערופן סטאָאישע פילאָזאָפן). סענעקאָס אַ באַפרייטער שקלאַף, אַ גריך מיטן נאָמען פּאַנדאַראָס, וועלכער האָט געהאַט געבאָרגט געלט ביי זיין געוועזענעם האַר אויף הויכער פּראָצענטער, האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אָפּצוצאָלן דעם חוב. חוץ דעם, האָט ער באַשולדיקט דעם מיניסטער און פילאָזאָף סענעקאַ אין פעלשן וועקסלען. אין איינקלאַנג מיט דער סטאָאישער פילאָזאָפישער טעאָריע איז סענעקאַ פאַרבליבן גייסטיק רויק, ער האָט נישט רעאַגירט אויף דער באַשולדיקונג פון זיין געוועזענעם שקלאַף, אַז ער פעלשט וועקסלען. סענעקאַ האָט אָבער געהאַט אַ בריוו פון פּאַנדאַראָסן וואָס באַווייזט, אַז יענער איז אים שולדיק אַ חוב. און דאָ טרעפט סענעקאַן אַן אומדערוואַרטע זאַך: דער בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען. און אַז סענעקאַ האָט געזוכט דעם בריוו און אים נישט געפונען, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ חיישן כעס.

איינער פון זיינע פיל צאָליקע שקלאַפן איז צופעליק אַריינגעקומען צו אים אין הויז אין מאָמענט ווען ער האָט געזוכט דעם בריוו. סענעקאַ איז אַרויס אויפן שקלאַף מיט געוואַלדן, אַז ער האָט געגנבעט דעם בריוו און קאַטעגאָריש פון אים געפאָדערט ער זאָל אים תיכף אָפּגעבן. ס'האָט נישט געהאָלפן דעם שקלאַפס טענהן, אַז ער ווייסט נישט פון קיין שום בריוו. אין גרימצאָרן האָט סענעקאַ געכאַפּט אַ שטיינערנע וואַזע, געוואָרפן דעם שקלאַף אין קאָפּ און אים דערהרגעט. ווי נאָר די שקלאַפן האָבן אַרויסגעטראָגן דעם טויטן קערפּער, האָט סענעקאַ געפונען דעם בריוו.

דער עפּילאָג פון דער דערציילונג: "דער פילאָזאָף האָט פאַמעלעך צוזאַמענגעוויקלט דעם פאַרמעט און אים אַריינגעשטעקט אין דעם בענדל שריפטן פון געטלעכן עפּיקור. דאַן האָט ער זיך געזעצט אויף דער שטול, ער האָט זיך פאַרטראַכט און גענומען שרייבן אַ בריוו צו נאָוואַטוסן. ער שרייבט: "קיין זאַך באַווייזט נישט אַזוי דעם גייסט פון אַ מענטש, ווי אין אַלע געשעעענישן אין לעבן איז צו בלייבן רויק..."

אין דער נאָוועלע "טיטוס און יאָזעפוס" ברענגט טרונק אַ שמועס צווישן טיטוסן און יאָזעפוס פלאַוויוסן. טיטוס, וועלכער האָט חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרטריבן פון דאָרט די יידן, זאָגט: "דער שווערער גורל פון אייער פאָלק איז מיר תמיד נאָנט געווען צום האַרצן. איך האָב נישט געוואָלט, אַז דער טעמפּל פון אייער גאָטהייט זאָל ווערן דאָס רויב פון פלאַמען. די יידן אָבער, הגם מיר האָבן זיי באַזיגט, זענען קיין מאָל נישט שוואַך און מאַט געוואָרן; די יידן פאַרמאָגן אַ נשמה-גרויסקייט, וואָס שטעלט זיי העכער פון הונגער, בירגערקריג און מלחמה; די יידן איז שווער מנצח צו זיין. אייער לאַנד איז חרוב. דער מקדש פון אייער גאָטהייט איז אַש און ש ווב. טויזנטער פון אייך זענען פאַרקויפט ווי שקלאַפן, און אייער שטאָם האַלט זיך מיט האַרטנעקיקייט. איר האַלט זיך

אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע ווי נצחונדיק פֿיינטלעך מיליטער, איר זענט די שונאים פֿון דער מענטשהייט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אייער גאָט האָט אייך נישט געראַטעוועט, פֿאַראַכט איר די געטער. איר פֿאַראַכט דעם קייסער, איר העצט אַלע באַרבאַרן קעגן אונדז".

יאָזעפוס פֿלאַוויוסן, דעם אָנפֿירער פֿון דער יידישער מלחמה קעגן די רוימער, באַצייכנט טרונק ווי אַ מענטש מיט הויכער מאָראַל. פֿלאַוויוס האָט פּרובירט ווירקן אויף די לעצטער פּערציק יידישע קעמפֿערס אין דער באַרגפֿעסטונג "מצדה" אין מדבר יהודה, זיי זאָלן נישט באַגיין דעם פֿאַנאַטישן זעלבסטמאָרד און אַליין זיך אויסשעכטן, כדי נישט אַריינצופֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו די רוימישע געצן-דינערס.

די נאָוועלע "פּלוטאַרך" האָט י.י. טרונק באַזירט אויף דיאַלאָגן צווישן דעם גריכישן היסטאָריקער פּלוטאַרך מיט זיין שקלאַף, דעם סאָפֿיסט אַנכיזעס. אַנכיזעס שטעלט פֿאָר דעם גריכישן פֿילאָזאָף פּלאַטאָ פֿאַר פּלוטאַרכן, ווי "אַן אומאויפֿריכטיקן פּלוידערזאַק". ווייל פּלאַטאָ רעדט וועגן אַ כלומרשטער "הויך עטישער מלוכה" און אין דער זעלביקער צייט באַציט ער זיך גאַנץ רויק צו שקלאַפֿעריי. דאָס זאָגט, אַז דער געטלעכער פּלאַטאָ האָט געהאַט אַ קנאַפּע השגה וועגן דעם ווערט פֿון מענטשן.

אין איינקלאַנג מיט זיין פֿילאָזאָפֿישן באַנעמען אַלוועלטלעכע און יידישע פּראָבלעמען, האָט טרונק אינטערפּרעטירט טיילן פֿונעם תנ"ך. די מחברים פֿונעם ספר "קהלת" און פֿון "מגילת-אסתר" באַצייכנט ער ווי העלעניסטן, וועמען דער תלמוד האַלט פֿאַר אפּיקורסים. וועגן דעם "ספר איוב", וואָס לויטן תלמוד האָט אַזאַ נישט עקזיסטירט, נאָר ס'איז בלויז אַ סימבאָלישע געשיכטע מיט אַ מוסר-השכל, שרייבט טרונק:

"איך בין כמעט זיכער, אַז דער העלד איוב איז געווען אַ יידישער מענטש – אַ העלעניסט". טרונק שטעלט פֿאָר איובן, ווי אַן אנטוישטן צוליב דער טראַגעדיע, מיט וועלכער ער איז געפּרוווט געוואָרן. איוב קלאָגט אויף זיין גורל: "איך פֿלעג ראַטעווען דעם אָרעמאַן, וואָס האָט געשריען. און דעם יתום, וואָס האָט נישט געהאַט קיין העלפֿער. דאָס האַרץ פֿון דער אלמנה פֿלעג איך דערפֿרייען. אויגן בין איך געווען פֿאַרן בלינדן, און פֿיס פֿאַרן הינקעדיקן בין איך געווען. איך בין געווען אַ פֿאָטער פֿאַר די באַדערפֿטיקע. און דעם משפּט פֿון דעם, וואָס איך האָב נישט געקענט, פֿלעג איך אויספֿאָרשן. איך האָב צעבראָכן די ציין פֿון דעם פֿאַרברעכער און פֿון זיינע ציינער אַרויסגעוואָרפֿן דעם רויב".

און טרונק גיט צו:

"מיר מעגן גלייבן איובן, אַז ער גיט דאָס ריכטיקע בילד זיינס. די ריכטיקייט פֿון איובס פֿאָרטערט דעקט אויף די גאַנצע אומרחמנותדיקע טראַגיק פֿון זיין אַנטוישונג".

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז טרונק האָט זיין שאַפֿן באַזירט דורכויס אויף ערנסטער הימלישער טעמאַטיק, אַז ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען פֿאַרטאָן אין "רומו-של עולם" ער האָט זיך אָבער אויך באַוויזן מיט דריי בענדער פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס, אין וועלכע ער דערשיינט ווי אַ מייסטער פֿון הומאָר און סאַטירע.

אין די ווערק "סימכע פּלאַכטע פֿון נאַרקאָווע", "כעלעמער חכמים" און "הערשעלע אָסטראָפּאָליער" האָט ער געשילדערט, אַ מאָל אין גראָטעסק און אַ מאָל מיט סאַטירע, סאָפֿיסטישע יידישע געשטאַלטן, וועגן וועמען ס'האָבן קורסירט לעגענדעס צווישן די מיזרח-אייראָפּעישע יידן.

טרונק האָט די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס באַטראַכט פֿון סימבאָלישן קוקווינקל מיט אַ מוסר-השכל.

כעלעם איז לויטן מחבר דער משל פון דער וועלט... אַלץ אין דער וועלט דרייט זיך אַרום דער כלומרשטער נאַרישער שטאָט. אין די כעלעמער מעשיות האָבן יידן, ווייזט אויס, געוואָלט דערציילן בדרך-משל, וואָס זיי טראַכטן וועגן די מנהיגים, וועלכע פירן אָן מיט דער וועלט.

אין אַריינפיר-וואָרט צו "סימכע פלאַכטע" שרייבט טרונק: "איך האָב פאַרבונדן די רויע אונטערשטקייט פון יידישן קאָלעקטיוו מיט דער שאַרפער, ראַפינירטער איראָניע פון דער אינטעלעקטועלער סאַטירע. ווי אין אַ קרומען שפיגל האָב איך געוואָלט באַווייזן די דיספּראָפּאָרציעס צווישן די מנהיגים און די מאַסן".

טרונקס העכסטע דערגרייכונג אין זיין לאַנגיאָריקער שרייבערישער טעטיקייט איז זיין מאָנומענטאַל זיבן-בענדיק ווערק, "פּוילן", וואָס ער האָט געשריבן אין אַמעריקע, וווהין ער איז אַנטרונען בעת דער נאַציִשער אָקופּאַציע פון פּוילן. אין די זיבן בענדער האָט טרונק פאַראייביקט אַ גאַלעריע יידישע געשטאַלטן פון די לעצטע הונדערט יאָר געשיכטע פון פּוילישן יידנטום, וואָס איז אויף אייביק פאַרשניטן געוואָרן.

טרונק האָט באַשריבן אַ גאַלעריע רביישע דינאַסטיעס און זייערע חסידישע סוויטעס, אַ ריי חסידישע מאַגנאַטן בראש מיט דער אַמאָליקער משפּחה פּריוועס, ווע‏מעס איינע פון די טעכטער, חנה, איז געווען זיין פרוי.

אין דער גאַלעריע פון אַסקעטישע חסידים-גבירים, וועמעס ביאָגראַפיעס טרונק האָט באַשריבן, געפינט זיך דאָס געשטאַלט פון ר' אברהם מענדעלסאָן, דער זיידע פון איינעם פון די פאַרמלחמהדיקע בונדישע טריבונען, שלמה מענדעלסאָן.

זיין זיידן ר' ברוך גזשעוואַטשן, דעם יידישן פריץ, שילדערט ער ווי אַ פּשוטן מענטש, אַ רייכן יידישן דאָרפסמאַן. ער איז געווען אַ גוטער צו דער משפּחה און אַ וווּנדערלעכער מעשה-דערציילער. אָבער, גיט טרונק צו, די וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט, האָבן ביי אים געלעבט אין גרויסער נויט.

אַ גרויס אָרט ווידמעט י.י. טרונק זיין עלטער-זיידן, דעם קוטנער רב ר' יהושעלע קוטנער. ער שטעלט אים פאָר ווי אַן אָן-פּשרהדיקן פרומען אַסקעטישן רב און גלייכצייטיק ווי אַ גוטהאַרציקן און אַ בעל-רחמים צו מענטשלעכער נויט. ווען ס'האָט געדראָאָט, אַז אַ ייד זאָל צוליב דער האַרבקייט פון דער הלכה פאַראָרעמט ווערן, אָדער ווען מען האָט לויטן דין געוואָלט פאַרעכנען קינדער אַלס ממזרים, פלעגט ר' יהושעלע קוטנער פּסקענען קעגן דער הלכה, כדי אַרויסצוהעלפן מענטשן, וועמען די האַרבע דינים האָב שווער געטראָפן.

טרונק שילדערט מיט גרויס פּיעטעט דאָס איידעלע געשטאַלט פון יצחק לייבוש פּרץ, זיין הויז, זיין טראַגעדיע צוליבן זון לוציאַן; זיין מסירת-נפשדיקע טעטיקייט לטובת דעם אויפבוי פון דער יידישער קולטור, יידישע שולן, יידישן טעאַטער, קונסט און אַנדערע קולטור-אינסטיטוציעס, זיין שטרעבונג אַרויסצוהייבן די פּשוטע פאָלקסשיכטן פון דער פּרימיטיווער פינצטערניש, אין וועלכער זיי זענען דורות לאַנג געזונקען, צו אַ ליכטיקער וועלט פון פרייהייט און וויסן.

אַ ברייט און בכבודיק אָרט ווידמעט טרונק דעם הויז פון וואַרשעווער ליטעראַטן-און אַרטיסטן-פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, ווו ער איז געווען דריי יאָר פאָרזיצער פון יידישן פּען-קלוב, ביזן אויסברוך פון דער II וועלט-מלחמה. מיט לייכטן הומאָר און מיט וואַרעמקייט באַשרייבט ער אַ ריי שרייבערס און סתם קיביצערס, וועלכע פלעגן פאַרברענגען גאַנצע טעג אין פאַ... ין. ◄

## רבקה באַסמאַן-בן-חיים

פרימאָרגן,
אַז דער זייגער האָט געשלאָגן אַכציק
האָט אַ ווייסע איריס-בלום
אַרויסגעבליט צום טאָג.

צו דער וועלט ווי ציטערדיק פאַרטראַכט זיך
צוליב וואָס אַרויסגעבליט צום טאָג?

ס'האָט דער טאָג אין גרוי ווי פאַרן ווייִנען
מיט אַ וואָלקן אימהדיק די זון פאַרשטעלט.
דעמאָלט האָט אַן ענטפער ניט געפרעגט
ביי קיינעם
בליִענדיק פאַרפוציט אַ וועלט.

20.02.2005

דער באַוווסטער דיכטערין

**רבקה באַסמאַן בן-חיים**

דער שטענדיק יונגער
אין גייסט און ליד -
אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן
צו איר אַכציקסטן געבוירן-יאָר
עד מאה ועשרים!

**רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע**
**פון "חשבון"**

---

יחיאל ישעיה טרונק איז געגאַנגען אין וועג פון פיל אָנגעזעענע יידישע שרייבער און אינטעלעקטואַלן פון פאַר דער מלחמה, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייערע סאָציאַליסטישע און הומאַניסטישע אידעען מיט דער יידיש-סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג, "בונד". טרונק האָט מיטגעאַרבעט אין דער פאַרמלחמהדיקער בונדישער "פאָלקס-צייטונג". זייענדיק אין נאָענטע חברישע און פריינדלעכע באַציונגען מיט די אָנפירערס פון דער פאַרטיי, ווידמעט ער נישט ווייניק אָרט אין זיין "פוילן" צו פאַראייביקן די געשטאַלטן פון די בונדישע מנהיגים. ער באַשרייבט די געשיכטע פונעם לעגענדאַרן בונדישן חבר "נח", וועלכער האָט אין די צאַרישע צייטן געלעבט יאָרן לאַנג אין אונטערגרונט און האָט פון דאָרט אָנגעפירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

וועגן דער פערזענלעכקייט פון העניריק ערליך ברענגט י.י. טרונק אַ פריוואַטן געשפרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיטן פאַרמלחמהדיקן ציוניסטישן פירער ד"ר יהושע גאָטליב. ד"ר גאָטליב, וועלכער פלעגט שאַרף און פאַרביסן קעמפן פאָליטיש קעגן העניריק ערליכן אין דער פרעסע און אין דער יידישער קהילה, ווו ביידע האָבן פאַרטראָטן זייערע פאַרטייען, האָט צו טרונקן געהאַט געזאָגט: "אָט דער בונדיסט, ערליך, איז די שענסטע פיגור צווישן די מאָדערנע פוילישע יידן".

מיט גרויס פיעטעט מאָלט טרונק די לעבנס-געשיכטעס פון די גרויסע בונדישע טריבונען פון צווישן ביידע וועלט-מלחמות: יוסף כמורנער, בייניש מיכאַלעוויטש, וויקטאָר שולמאַן, שלמה מענדעלסאָן, עמנואל נאָוואָגרודזקי, שלום הערץ, ברוך שעפנער, יעקב פּאַט; די לאָדזשער בונדישע פירער, ישראל ליכטנשטיין און אפרים-לאָזער זעלמאַנאָוויטש.

מאַכנדיק אַ סך-הכל פון יחיאל-ישעיה טרונקס ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור, פאַרלאַנגט זיך אונטערצושטרייכן, אַז צוזאַמען מיט זיינע ליטעראַרישע און הומאַניש-פילאָזאָפישע ווערק, האָט ער אויך איבערגעלאָזט אַ היסטאָריש-ביאָגראַפישן אוצר פאַר דער געשיכטע פון פוילישע יידנטום.

יחיאל-ישעיה טרונק איז געשטאָרבן אין ניו-יאָרק דעם 7טן יולי 1961.

י.י. טרונק

# טיטוס און יאָזעפוס[1]

דער קייזער טיטוס האַלט אַ רגע איין דעם אָטעם. ער פּעכערט זיך פאַרן פּנים מיט אַ פאַלד פון דער טאָגאַ. די אויגן ברענען אים ווי פון פיבער. עס פעלט אים לופט. יאָזעפוס פלאַוויוס שטייט מיט אַ טיף אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

דעם קייזערס קול קלינגט מיט נידערגעשלאָגענער מילדקייט:

– קוקט, מיין יאָזעפוס, – זאָגט ער, – איר זעגט מיר אַ נאָענטער פריינט און די געטער האָבן געוואָלט, אַז איר זאָלט זיין דער באַשרייבער פון מיינע טאַטן פאַר דער נאָכוועלט. איר זענט אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער, דאָך אָבער, איך האָב אייך שוין געזאָגט, איידעלער יאָזעפוס: איר לייגט מיר אין מויל אַריין ווערטער, וואָס איך זאָל האָבן געזאָגט צו די רוימישע קריגער, פול מיט לויב פאַר די יידישע מורדים און פאַר דער דאָזיקער יידישער צוקונפט... אויך איר קאָנט נישט אַרויס פון אייער יידישער הויט, חשובער יאָזעפוס... ניין, איך וויל זי נישט, די יידישע צוקונפט! וואַנזין! – שרייט דער קייזער אויס. – זי שטערט מיין שלאָף ביי דער נאַכט, ווי אַ בייזער חלום. אויך די שלאַכטן אין די טאָלן הינטער ירושלים דערמאָנען זיך מיר ווי אַ בייזער חלום. ליכט און לעבן וויל איך, יאָזעפוס. איר געטער פון רוים! הייסט מאַכן מער ליכט אין אייער צימער, יאָזעפוס פלאַוויוס, זאָל דאָ ווערן ליכטיקער. ווי אַלע יידן האָט איר ליב צו זיין אין דער טונקלקייט, מ'זאָל אייך נישט זען. מעקט-אויס פון אייער ווערק, – די שריפט, וואָס זאָל פאַראייביקן אַ רוימישן קייזער, – אָט די שטעלן, וואָס פאַרהערלעכן אייער קראַפט. איך האַס די דאָזיקע קראַפט... שרייבט וועגן דעם טריומף-צוג צום קאַפּיטאָל, שרייבט, ווי די יידישע מורדים זענען געגאַנגען צוגעבונדן צו מיינע קריגס-וועגענער,, שרייבט פון די שפּילן אין צירקוס, ווו די חיות האָבן אייך געפרעסן און דאָס פאָלק פון רוים האָט זיך געקאָנט איבערציגן, אַז איר זענט גאָרנישט. די שוואַכסטע. די נידעריקסטע. אַז מיר האָבן אייך פאַרטיליקט. שרייבט דערפון, יאָזעפוס פלאַוויוס, אויב איר זענטווירקלעך אַ פריינט אונזער הויז. איר זענט אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער. אייער סטיל פאַסט פאַר איינעם פון די אַלטע גריכן. איר זענט דאָך נישט קיין מורד... יאָזעפוס...

יאָזעפוס פלאַוויוס צעשפרייט זיינע הענט ווי ער וואָלט געבעטן; ער פליסטערט קוים אַרויס:

– קייזער... געטלעכער...

– איך ווייס, איר זענט מיר אַ פריינט, – זאָגט דער קייזער וואָס אַמאָל אויפגערעגטער און ער באַמיט זיך מיט זיין גאַנצער אויפמערקזאַמקייט צו באַאָבאַכטן יאָזעפוסן, – איר זענט געווען קעגן דער דאָזיקער וואַנזיניקער יידישער מרידה. איר זענט נישט קיין עקשן ווי אַלע יידן... דאָך, – הייסט מאַכן מער ליכט אין אייער צימער און גיט מיר ווײַן. אַ סך ווײַן. מיך דורשט, יאָזעפוס.

יאָזעפוס פלאַוויוס טוט זיך אַ ריס אויף פון זיין אָרט, ער וויל לויפן, פלוצים גיט ער זיך אַ וואַקל, ווי די פיס וואָלטן אים אונטערגעהאַקט געוואָרן.

פון הינטער די טונקעלע ווענט פון דעם ביבליאָטעק-חדר, ווי פון דער ערד אַרויס, הערט זיך אַ שוואַ־ מענטשלעך קול.

1) פראַגמענט פון דער דערציילונג "דער פעלדהער יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים".

דער קייזער טיטוס גיט אַ שפּרונג-אויף פון דער מאַרמאָר-שטול.
יאָזעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ באַוועגונג אים צו פאַלן צו די פיס.
טיטוסעס אויגן גיבן אַ פינקל אין ווילדן כעס.
דאָס קול פון אַ מאַן אונטער דער ערד, דייטלעכער: "יוסף דער זון פון מתתיהו! יוסף דער זון פון מתתיהו!"

– אַ שטים הינטער דער מויער. אייער נאָמען. יאָזעפוס! – זאָגט טיטוס דער ערשטער.

– איינער פון מיינע שקלאַפן איז משוגע געוואָרן. ער ליגט אין קייטן, אינם ברונעם... – שעפּטשעט יאָזעפוס פלאַוויוס.

דאָס קול הינטער דער מויער (וואָס אַמאָל העכער): "יוסף דער זון פון מתתיהו! יוסף דער זון פון מתתיהו!"

דער קייזער קוקט זיך מיט אַ צעמישטן בליק אַרום איבער דער ביבליאָטעק.

– אַ יידישער שקלאַף, ער רופט אין אייער יידישער שפּראַך. אַ משוגענער... – זאָגט דער קייזער אומאַנטשלאָסן און ער זעצט זיך צוריק אויף דער מאַרמאָרנער שטול. מיט אַמאָל האַקט טיטוס איבער, ער ענדערט זיין טאָן און זאָגט שאַרף:

– יאָזעפוס, איר זענט בלאַס געוואָרן.

– איך בין קראַנק – ענטפערט יאָזעפוס פלאַוויוס; ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות, אַז זיין קול זאָל קלינגען קלאָרער, זיכערער, – און איך שרייב גאַנצע... נעכט. – גיט ער צו, – איך אייל זיך מיט דער איבערזעצונג פון "יידישן קריג".

די ווינקלען פון די קייזערלעכע ליפּן קרימען זיך אין אַ לייכטן, קוים באַמערקבאַרן שמייכל. – איר זענט אַ גרויסער שריפטשטעלער און איר באַשרייבט מיינע נצחונות אין יהודה, – זאָגט שוואַך דער קייזער. זיין שטים איז ביטער. ער קוקט מיט אַ שאַרפן, דורכשפּינזנדיקן בליק אָן יאָזעפוסן. יאָזעפוס האַלט זיך שטייף אויף די פיס מיט דער מאַנעקינהאַפטיקייט פון אַ סאָלדאַט. דער קייזער שליסט זאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך מיט אַמאָל פאַרטראַכט. אַ קרענקלעכע רויטקייט בליט אים אויף אונטער די אויגן:

– אומעטום זענען ביי אייך משוגעים, יאָזעפוס פלאַוויוס.... אין די מויערן פון דער דאָזיקער קייזערלעכער ווילאַ האַלטן זיך אויף אייערע יידישע משוגעים... איך וויל אים זען... – זאָגט ער פלוצלונג.

יאָזעפוס פלאַוויוס מאַכט אַ באַוועגונג זיך אָנצוכאַפּן פאַרן קאָפּ:

– אימפּעראַטאָר, קייזער, – פליסטערט ער מיט טויט-קאַלטע ליפּן, – ס'איז אַ נישטיקער שקלאַף, אַ משוגענער, ער איז ווילד... איך האָב אים געלאָזט לייגן אין קייטן... ער... לעסטערט...

– אַלע יידן לעסטערן, – זאָגט טיטוס ביטער, די אויגן-אַפּלען גליען אים פלוצלונג אויף אין טיפן צאָרן און די אָדערלעך אין די פאַרלאָפענע וויִסלען אַרום די אויגן-אַפּלען ווערן אָנגעשוואָלן: – אַלע יידן לעסטערן... אַלע, וואָס לעסטערן דעם קייזער, באַדאַרף מען לאָזן קרייציקן. זיי אַלעמען. די מורדים. – טיטוס קוקט מיט אַן אויספאָרשנדיקן בליק אויף יאָזעפוסן. באַלד ענדערט זיך ביי טיטוסן דאָס קול: – הייסט אים אַריינפירן, יאָזעפוס פלאַוויוס, – זאָגט ער הייזעריק, – איך וויל אים זען. איך וויל מיט אים רעדן. אויך הינטער ירושלים האָב איך ליב געהאַט צו רעדן מיט די מורדים...

יאָזעפוס פליסטערט:

– קייזער...

דער קייזער ווערט אומגעדולדיקער, ער טוט אַ פּאַטש מיט די הענט און רופט-אויס

הויך אויפֿן קול:

- העי, איר שקלאַפֿן!

דאָס געוועזענע קייזערלעכע ביבליאָטעק-חדר פֿילט זיך אין דער מינוט אָן מיט אַ מחנה שקלאַפֿן. טייל פֿון זיי טראָגן ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט. די טונקעלע ווענט פֿון דער ביבליאָטעק ווערן מיט אַמאָל רויט באַלויכטן. די איינגעבויגענע פֿיגור פֿון יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס ווערט ווי פֿאַרלוירן אינעם געדראַנג פֿון די שקלאַפֿן.

- אַ שקלאַף ליגט דאָ געבונדן הינטער די מויערן פֿון דער ביבליאָטעק, - זאָגט טיטוס באַפֿעלעריש און ער ווייזט מיט אַ פֿינגער אויף דער וואַנט, - אַ יידישער שקלאַף. ברענגט אים שנעלער אַריין, איר שקלאַפֿן, דעם מורד... - גיט ער צו צווישן די ציין, און ער זעצט זיך ברייט אויס אין דער מאַרמאָרנער שטול ווי צום משפּטן.

טיטוס קלאַפּט מיט זיין דיקלעכן פֿוס אויף דער מאָזאַיִק-פּאָדלאָגע צום טאַקט. זיין שיכור-טריומפֿירנדיקער בליק זוכט יאָזעפֿוסן.

- געטלעכער... - שעפּטשעט טויט-בלאַס יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס און ער באַוועגט אומבאַהאָלפֿן מיט די הענט.

הינטער די טיר-פֿאַרהאַנגען הערן זיך אַ סך טריט. פֿעסטע זעלנערישע טריט. דערצווישן: אַ שווער געשאַרעריי אויף דער פּאָדלאָגע, אַזוי ווי מען שלעפּט אַ משא.

די קייזערלעכע שקלאַפֿן ברענגען אַריינצושלעפּן דעם גלילער פּויער.

די אַנטבלויזטע הענט פֿון די שקלאַפֿן האַלטן אים אָן פֿאַר די פּלייצעס. זיי טראָגן אים ברוטאַל, ווי מען וואָלט אים שוין געפֿירט צום שענדלעכסטן הענקער-טויט. דער פּויער שוויינט. ער לאָזט אַלצדינג מיט זיך טאָן. די ליפּן איבער דעם איינגעפֿאַלענעם מויל זענען ביי אים פֿאַרביסן. דאָס נישט גרויסע ביינערדיקע פּנים, וואָס איז ווילד באַוואָקסן מיט אַ גרויער צעקאָלטענער באָרד, האָט דעם פֿאַרגליווערטן אויסדרוק פֿון אָפּוועזנדיקייט. די שטורקאַצן, וואָס די שקלאַפֿן האַלטן אין די הענט, באַגיסן דעם פּויערס פּנים רויט, אַזוי, אַז די גערונצלטע פּנים-הויט קוקט-אויס, ווי זי וואָלט זיך געבראָטן. די גרויסע, מיט בלוט-פֿאַרלאָפֿענע אויגן אין דעם דאָזיקן פּנים שטאַרן אַרום זיך, זיי זוכן עמיצן אין דעם, מיט שקלאַפֿן און שטורקאַצן אָנגעפֿילטן חדר.

די שקלאַפֿן טוען אים אַ וואָרף אַנידער פֿאַר די קייזערלעכע פֿיס.

טיטוס גיט שנעל אַ קוק אויף אים. אַ שמייכל באַווייזט זיך טיטוסן אויף די דינע ליפּן. די איידעלע פֿרויען-ליפּן פֿאַרקרימען זיך אים באַלד, ווי ס'וואָלט אים געעקלט. אין זיינע צעריסענע שמאַטעס ליגט דער גלילער פּויער אויף דער ערד צו טיטוסעס פֿיס, ווי אַ שמוציק פֿאַרוואָרלאָזט באַשעפֿעניש. דער פּויער ליגט מיטן פּנים צו דער ערד. די פּלייצעס הייבן זיך אים אין האַסטיקן אָטעם. טיטוסעס אויגן פֿאַרוואַנדלען זיך פּלוצים אין אַ כעסדיקן שפּאָט. זיי זוכן יאָזעפֿוסן. ער קאָן אים נישט געפֿינען, וואָרים יאָזעפֿוס שטייט איגנאַצן פֿאַרשטעלט פֿון די שקלאַפֿן. דער קייזער טוט זיך נאָכאַמאָל אַ ווענד צו דעם שמוציקן אָפּגעריסענעם מענטש, וואָס ליגט אים צופֿוסנס. זאַכט שטרעקט טיטוס אַפּער זיין דיקן אומגעלומפּערטן פֿוס. מיט דעם שפּיץ פֿון זיין שטיוול באַרירט ער דעם דאָזיקן גוף, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַ שטויס טאָן, אָדער זיך איבערצייגן אין זיין לעבעדיקייט.

דער פּויער דרייט-אויס דעם קאָפּ, ער גיט שטום אַ קוק אויף טיטוסן.

מיט טיפֿסטן ווידערווילן פֿינקלען-אויף די אויגן ביים קייזער. ער גיט דעם פּויער גראָב אַ קאָפּ מיט דעם שטיוול:

- שטיי-אויף, הונט, - ברומט ער מיט כעס. - ייד... - זאָגט ער צווישן די ציין. דאָן

זאָגט ער מיט קורצן אָטעם: - וועד רעדט צו דיר, שקלאַף?
דער פּויער גלאָצט אויף אים פאַרשטאַרט.
- טייטוס... - כאָרכלט עס מיט אַמאָל אַרויס פון פּויערס האַלדז.
אַ ציטער נייט דורך צווישן די קייזערלעכע שקלאַפן אַרום אין קרייז.
דער קייזער טוט נערוועז אַ שאַר מיט דער האַנט איבער דער טאָגאַ (דאָס מאַכט ער תמיד, ווען אים טרעפט אַן אומאָנגענעמע זאַך). אין אָנגעזיכט פון די שקלאַפן רופט אים דער דאָזיקער גלילער ייד אָן ביים נאָמען! דאָס פּנים ביי טיטוסן ווערט בלאַס פון צאָרן.
- הונט... - קייכט ער אומבאַהאָלפן. שוים באַווייזט זיך אים אויף די ליפּן. טיטוס גיט דעם גוף, וואָס ליגט אויף דער ערד, נאָכאַמאָל ברוטאַל אַ שטויס מיטן שטיוול.
דער גלילער פּויער דרייט פאַמעלעך אויס דעם קאָפּ. זיינע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן זוכן דעם קייזערס בליק. אַ שמייכל באַווייזט זיך אים אויף דעם פאַרווילדעטן, מיט באָרד באַוואָקסענעם פּנים. אַ שמייכל פון זעלטענער רויקייט. די באַוואָקסענע קין-באַקן פון פּויערס פּנים הייבן מיט-אַמאָל אָן צו ציטערן:
- טי-טו-ס. - ציט ער דאָס וואָרט. ער זאָגט עס שאַרף, מיט גאַל און ציניש ווי דער קייזערלעכער נאָמען וואָלט געווען אַ זידל-וואָרט.
דאַן ניט דער גלילער ייד אַ לאַך אַרויס מיט אַ הילכיק און פרעך געלעכטער. ער פאַרגראָבט זיך דאָס פּנים אין די שמאַטעס, וואָס הענגען אויף אים און קאָרטשעט-איין זיין נוף צופוסנס דעם רוימישן קייזער.
ווי אַ געביסענער שפּרינגט טיטוס אויף פון דער שטול. אין דער ערשטער רגע מאַכט ער אַ באַוועגונג זיך צו וואַרפן אויף דעם דאָזיקן שמוציקן באַשעפעניש, אים צו פאַרניכטן. טיטוסעס פינגער זוכן עפּעס אין דער לופט. אומווילקירלעך טוט ער אַ הייב אויף דעם קאָפּ. די שקלאַפן שטייען אַרום אים, ווי פאַרשטיינערט, מיט די שטורקאַצן אין די הענט. די טויטע שטילקייט, וואָס האָט ווי מיט אַמאָל אָנגעגאָסן דאָס ביבליאָטעק-חדר, דערשרעקט דעם אויפגעברויזטן קייזער. ער קוקט זיך אַרום.
-- אַזוי זענען זיי... - זאָגט טיטוס פּלוצלונג שוואַך און אומאַנטשלאָסן, ווי ער וואָלט אַליין צו זיך גערעדט. ער טוט נאָכאַמאָל אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג אויף דעם איינגעקאָרטשעטן גוף, וואָס ליגט אים צופוסנס. - הינטער ירושלים, אין יהודה, אין דער אימפּעריע, אויף דער גאַנצער ערד... אומעטום זענען זיי די אייגענע. דו גלויבסט זיי צו זען צעטראָטן אונטער דיינע פיס און אין זייער מוח נעסטן געדאַנקען, וואָס באַדראָען די מענטשהייט... האַרטנעקיק געשלעכט. - דער קייזער טוט זיך פּלוצים אַ ווענד צו דעם מענטשלעכן קערפּער, וואָס ליגט אים צופוסנס:
- האָסט געקעמפט קעגן קייזער? קעגן רוים? - פרעגט ער מיט ווידערווילן.
- יאָ, - הערט זיך אַ שטאָלץ, זיג-באַוווסט ווידערקול פון דעם שמוציקן מענטשלעכן גוף, וואָס ליגט צוזאַמענגעקנוילט אויף דער ערד. דאַן אַ ווילד אויפלאַכן פון שאָדן-פרייד.
דער קייזער טוט אַ טופּ מיטן פוס: - האַרטנעקיק געשלעכט! - ער טוט נאָכאַמאָל לייכט אַ טרעט מיטן שטיוול אויפן פּויערס גוף. - דאָס דאָזיקע וויל איבערנעמען די הערשאַפט איבער דער וועלט! - זאָגט טיטוס מיט ביטערן שפּאָט. - איר געטער! - רופט ער אויס ווי צו זיך. ער קערט זיך צו מיט זיין רויט-געוואָרן פּנים צו די שקלאַפן: - גיט אים איבער צום קרייציקן, איר שקלאַפן. די ווילדע פייגל זאָלן אויפפרעסן זיין פּגר. מאַטערט אים, - זאָגט ער הייזעריק. די שקלאַפן גיבן זיך אַלע אַ וואָרף אויפן גלילער פּויער. דער קייזער שמייכלט מיד. פּלוצים שליסן זיך טיטוסן די אויגן, ווי ער וואָלט ◄—

משה שקליאַר

# שאָט-קאָלאָריט

דער בלויער אויטאָבוס, וואָס האָט נאָרוואָס
אויפגעוועקט זיך אויף דער ערשטער סטאַנציע
און אַראָפּגעווישט דעם שלאָף פון די מאַטע פענצטער,
באַוועגט זיך אַלץ נאָך פויל אין גרוי פונעם פאַרטאָג
און שלינגט פּאַוואָליע איין די בלייכע פּאַסאַזשירן
וואָס האַלטן אונטער אַרעמס העל-ברוינע באַלאָנען, -
וואָס קאָנען זיך אַרויסרייסן פון האַנט
און אַ פלי טאָן ערגעץ ווייט צום הימל-ראַנד.

דער שוואַרצהויטיקער שאָפער ברומט זיך צו אַ ניגון
און באַגריסט אַ יעדן, וואָס טרעט איבער נאָר זיין שוועל
מיט אַ ווייסן שמייכל און אַ האַרציקן "העללאָ".
וואָס נעענטער מיר קומען אָן "דאַון טאַון"
ווערט טונקעלער אין בלויען אויטאָבוס,
נאָר אַ געלע זון הענגט אינעם פענצטער-גלאָז
און הערט זיך איין ווי דער "העללאָ" און דער "גוד-ביי"
פאַרביטן ווערט דורך "בוענאָס דיאַס" און "אַדיאָס".

און דער אויטאָבוס איילט ווייטער אַלץ און ווייטער,
און וואָס ווייטער ענדערט ווידער זיך
דער קאָלאָריט, און אַנדערש קלינגט איצט
דער "העללאָ" און דער "גוד-ביי", וואָס קייקלט זיך אַרויס ◄

---

זיך באַזינען. ניין, - זאָגט ער שוואַך. - וואַרפט אים צוריק אין דעם לאָך אַריין, דאָ הינטער דער מויער, פון ווו איר האָט אים אַרויסגענומען. איינער מער, אָדער וויניקער, איר וועט זיי סיי-ווי-סיי נישט אויסראָטן. לאָזן צווייַ אים אַוועקטראָגן. לייכט מיר דעם וועג, איר שקלאַפן, איך וויל פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע הויז.

ווען דער קייזער מיט זיין באַגלייט האָבן זיך דערווייטערט, שטרעקט יאָזעפוס פלאַוויוס ווי אַ חסד-בעטנדיקער נאָך אים נאָך די הענט, ער וויל אים נאָכלויפן.

נאָר ער קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. ביי דער ערשטער באַוועגונג, וואָס ער מאַכט, פאַלט ער ווי אַ שווערער סנאָפּ אַנידער אויף דער ערד.

אויפן אָפּהילך פון קלאַפּ לויפט-אָן דער טיר-היטער דעמעטריוס. ער בייגט זיך אַריבער איבער זיין האַר. יאָזעפוס פלאַוויוס ציטערט ווי אַ קליין קינד. זיין פּנים איז שוואַרץ, די האָר און די באָרד צעשויבערט.

דעמעטריוס הייבט יאָזעפוסן אויף און לייגט אים אַוועק אויפן שלאָף-געלעגער. ער דעקט אים צו מיט אַ סך וואָל-טיכער.

די דאָזיקע נאַכט האָט יאָזעפוס פלאַוויוס אויף זיכער דערוואַרט דעם הענקער.

דורך ווייסע ציינער פון צווישן רויטע ליפּן,
ווי עפּל זאַפטיקע, וואָס פאַלן פון אַ גרינעם בוים.
באַלד וועט אויסשטייגן דער לעצטער פּאַסאַזשיר
און דער בלויער אויטאָבוס מיט דעם איינזאַמען שאָפער
וועלן פאַרשווינדן אינעם גרויען רוים.

## פאַרבייגעשוועבט

כ'האָב צוגעשפאַרט דעם קאָפּ
צום קאַלטן גלאָז
פון גרויסן פענצטער
און קוק אַרויס אין דרויסן
אַ ווייכע קילקייט
גלעט מיין שטערן
איך קוק און זע נישט קיינעם
נישט קיין מענטשן
נישט קיין גראָז
בלויז אויטאָס אויטאָס אויטאָס
און כ'ווייס נישט ווו זיי איילן
וואָס זענען זיי אויסן
און פאַרוואָס
קיינער קערט נישט אום דעם קאָפּ
כאָטש אויף אַ רגע
און גריסט איינאַנדערן
מיט אַ ווונק אַ וואָרט

און גריסט נישט מיך
וואָס וואַרט אומזיסט
ביים פענצטער-גלאָז
אויף אַ צייכן
ווי אויף אַ רפואה.

אפשר שפּעטער
ביים סאַמע ראַנד פון נאַכט
וועט איינער זיך פאַרהאַלטן
אַ מידער פונעם וואַנדערן
און זיך דערמאָנען
אַז ער האָט פאַרבייגעשוועבט
אַ מענטשנס זאָרגן
אַ הייסן קאָפּ
אויף קאַלטן גלאָז
און נישט געזאָגט אים
קיין גוט מאָרגן.

## שוואַרצע קראָען

וואָס קראַקען זיי אַזוי די שוואַרצע קראָען,
אויף וועמענס גורל וויינען זיי און קלאָגן,
צי ציילן זיי אַנטלויפנדיקע שעהן,
וואָס דערנענטערן דעם סוף פון טאָגן?

אָ, די קראַקענדיקע שוואַרצע קראָען,
זיי שרעקן און זיי וועקן טאָג און נאַכט,
פאַרפינצטערן די דאָרטנס און די דאָען -
ווער האָט זיי אַהער געבראַכט?

פאַרשווינדט, איר קראַקענדיקע שוואַרצע קראָען,
וואָס לויערט איר אָן אויפהער טשאַטעסווייז?!
זאָל אַריבער אונדז דער הימל בלאָען,
ברענגען לויטערקייט און רו און טרייסט.

מ. אײזענבױד / מעלבורן

# אַ שטעטעלע, האַ?
## דערצײלונג

דאָס איז זיך פּאַרלאָפן, װען האָנקאָנג איז געװען אַ בריטישע קאָלאָניע און יידן פון אױסטראַליע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין האָנקאָנג אײנצוקױפן מתנות אױפן װעגן קײן ישראל, אַהין – און צוריק.

* * *

זישע אַלפּערט האָט זיך געקליבן אַריבערצופאָרן און אַ קוק טאָן אױף ישראל.
– אין מיטנדערינען? דו? נאַכװאָס?
דאָס אַלץ האָט געװאָלט װיסן פּראַדל, װעמען מען האָט נאָך פון קינדװײז אָן גערופן: דער קלוגער קאָפּ. נאָך אײדער זישע האָט בײ זיך אָפּגעמאַכט, אַז עס איז צײט אַראָפּכאַפּן זיך קײן ישראל אַ קוק צו טאָן, װי װײט די אײגענע גרײעװער האָבן זיך פונאַנדערגעלײגט אין דער מדינה – און אין אײנװעגס טאַקע אַ קוק טאָן אױף דער מדינה גופא – האָט ער זיך גוט אונטערגעגאַרטלט אָנטקעגן זײן פּראַדלען. פּראַדל – דער קלוגער קאָפּ טאַקע – האָט שױן לאַנג געהאַט אַן אױג אױף אַזאַ מין רײזע, און דאָ – אין מיטנדערינען.
– זישע. – האָט זי טאַקע געװאָלט װיסן: – נאַכװאָס?
דאָ האָט איר זישע אונטערגעטראָגן אַן ענטפער: נאָך אַמאָל איבערצולעבן מײן יוגנט...
אַנטקעגן אַזאַ ענטפער, אַזאַ אַרגומענט, האָט שױן פּראַדל – אַפילו מיט איר קלוגן קאָפּ – גאָרניט געקאָנט דערװידערן.
געהאַלטן האָט זי, אַז זישע איז לכתחילה געבױרן געװאָרן אַן אַלטער ייד, אַרום און אַרום (װאָרום אַז זײ האָבן חתונה געהאַט, איז שױן זישע ניט געװען טאַקע קײן יונגערמאַנטשיק). טאָ װאָס פּאַרא יוגנט גײט ער דאָס נאָך אַמאָל איבערלעבן? און נאָך האָט זי גרײלעך געװאָלט װיסן: – װי אַזױ האָט זישע דורכגעלעבט זײן ערשטע יוגנט? (איר שפּילט זיך עפּעס מיט פּראַדלען דעם קלוגן קאָפּ...)
די בריװ פון זישעס חברים, די װעלכע זענען באַצײטנס אַװעק פון גרײעװע װי חלוצים, אָדער זיך לערנען אין חיפהער פּאָליטעכניקום – מחמת אין פּױלן איז דאָס פּאָליטעכניקום געװען פאַר זײ אַ פאַרמאַכטע טיר – האָבן געלאָקט, גערופן, עפּעס אױפגעװעקט אַ בורטשעניש אין אים. אַ װערטעלע צו זאָגן, װען די געראַטעװעט פון חורבן האָבן זיך באַזעצט אין ישראל, איז זישען ממש דאָס האַרץ אַרױסגעשפּרונגען, װי אַ ספּרוזשינע שפּרינגט אַרױס פון אַ צעריסענער קאַנאַפּע – ניט אַרײנצומאַכן צוריק.
שױן – אַזױ האָט געטענהט פּראַדל – דער פלי-קאָפּ אַרבעט שױן בײ אים: גרײעװע! יעקעלען פּלאָקן האָט ער פאַרגעסן צו זאָגן שלום. אָדער מאיר קוליען, אָדער אברהם-איטשען דעם טעלעגראַפיסט האָט ער שױן ניט געזען אַ װאָסערע פינף און צװאַנציק יאָר, מוז ער אים זאָגן: – האַו דו יו דו... אַ קלײניקײט, װאָס מאַכט מען? מען רודערט אַ װעלט?
– און זיסעלען האָסטו פאַרגעסן צו ענטפערן אױפן ליבעס-בריװ אין 1928?! זי איז שױן דאָרטן אַ באָבע, נעם דיר אין זינען, זישע... אַ טאַטע פון דערװאַקסענע קינדער זאָל ניט האָבן אין זינען קײן תכלית...

תכלית האָט ביי פּראַדלען געהייסן: האָנקאָנג. אַ מענטש מיט געהירן, מיט אַ קלעפּקע ווי ס'באַדאַרף צו זיין, פּאָרט טאַקע קיין ישראל, אָבער אין זינען האָט ער, אַז אויפן וועגן איז דאָ אַ שטעטעלע: האָנקאָנג, און מ'ווייס וואָס מען דאַרף צוריקברענגען, מ'זאָל זיך ניט שעמען פאַר לייטן. אָבער זישע? אַז זי דאַרף פאָרן, איז פאַר איר געווען אַזוי נאַטירלעך, פונקט ווי יעדער איינער ווייס, אַז נאָך דאַנערשטיק קומט פרייטיק, דאַרף מען דען ריידן דערפון? ניין, ס'איז אַ זאַך איבער וועלכער מען רעדט גאָרניט.

– אין אַלע לייטישע הייזער פירט זיך אַזוי – פסקנט אָפּ פּראַדל.

– נאָר אַז די גריייעווער יוכע – אַזוי האָט זי טאַקע בפירוש געזאָגט – די גריייעווער יוכע האָט זיך ביי זישען צעשפּילט...

ביידע האָבן זיי ניט געקאָנט פאָרן... ווייל נאָך אַלעמען, איז זישע אַלפערט ניט געווען קיין גביר, ער איז געווען ווייט פון דעם.

ערגעץ-ווו האָט אין אים נאָך אַלץ געריפּעס דער פאַרדראָס פון יענע יאָרן: און זיסלען האָסטו פאַרגעסן צו ענטפערן אויפן ליבעס-בריוו אין 1928? טאַקע פון יענע יאָרן, ווען זיי זענען געשטאַנען אין דרויסן פון הילצערנעם ביידל, און זיסל האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט פשוטע רייד אַ זאָג געטאָן:

– זישקע, מיר זענען אַהער געקומען ניט צו גראָבן גאָלד. מיר זענען אַהער געקומען אַרבעטן. און אַז קיין גליקן זענען ניטאָ, איז וואָס? איז כאַפּן די פיס און היידאַ – אַוועק?...

דעם זעלבן אָוונט האָט ער אַוועקגעשפּאַנט אין פּאָרט און גענומען די ערשטע שיף קיין אויסטראַליע.

מיט איר קלוגן קאָפּ האָט פּראַדל באַשיימפּערלעך געזען, אַז דער עקשן וועט פאָרן.

ביי די אַלפערטס האָט מען ניט געגעסן קיין מיטאָג. מען האָט געפּאַכעט מיט די לעפל, ווי מיט קאָסעס; געשלונגען קליסקעלעך מיט שוואָמען; הינערשע פולקעס זענען פאַרשווונדן פון פּאַלומעסאַק, ווי עס וואָלט אויף זיי געווען אַ מגפה – נאָר קיין מיטאָג איז עס נישט געווען. אַלע האָבן גערעדט אינאיינעם, אַ חוץ וואָס יעדער האָט גערעדט באַזונדער, דאָס האָט מען זיך געמיט אַריינפּרעסן – ניין – ניט אַריינפּרעסן – ממש אַריינשלאָגן, ווי מען שלאָגט אַריין שטאָלענע נעגל אין אייזנבאַן פאָלן, אין זישעס קאָפּ, וואָס אַ שטייגער ער זאָל אַלץ מיטברענגען פון האָנקאָנג.

אַ מווי-קאַמעראַ מיט אַ פלעש-לייט! – דאָס האָט פאַרלאַנגט בעני, וואָס ווערט אין אַ פאַר מאַנאַטן אַרום בר-מצווה.

– וואָסי – עס וועט מיר ווייניק אָפּקאָסטן דיין פילמעווען בייטאָג... דאָס האָט זישע זיך געפּרוווט דינגען, אפשר פאָרט. לייטישע פילם-דירעקטאָרן דרייען אויך באַטאָג...

– פּאַפּ – אַזוי האָט בעני בפירוש אַ זאָג געטאָן, און דורכן גאַנצן געריייד-געפּלעכט פון פּראַדלען און שרהלען, זיין עלטערער טאַכטער, איז צו אים קלאָר דערגאַנגען בעניס פאַרזאָג:

– נאָ פלעש-לייט – נאָ בר-מצווה...

און וואָס דאָס באַטייט, האָט זישע שוין גוט געוווסט. אויף בענין קאָן ער זיך פאַרלאָזן. ער וועט צעדרייען די דרשה און ריידן פידראַך – דאָס איז נומער איינס. ער וועט אַראָפּקומען צו דער בר-מצווה אין אַ רויט קאָובאָי-העמד, מיט שוואַרצע קעסטעלעך, אין העלע שיך מיט הויכע קנאַפל, ווי עס טראָגן די אמתע חברהלייט... זישעס טאַטע, ניאָמקע אַלפערט, האָט שוין טאַקע ניט געלעבט. דאָס האָט ער, בעני, געטראָגן זיין

נאָמען, און פֿאַרשעמען דעם טאַטנס נאָמען - דאָס וואָלט פֿאַר זישען געווען נאָך ערגער ווי אין טאַטן אַריין...

- מילא - אין ישראל ביזטו אַ גרייעווער היץ-קאָפּ. מעגסט שוויצן - אַזוי האָט פּראַדל אים מיטגעגעבן לעצט-געלט, אָבער אין האָנקאָנג ביזטו אַ טאַטע פֿון קינדער, אַ ייד אַ סוחר...

נאָך אַלע רייד האָט פּראַדל פֿון דעסטוועגן זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף זיין יאָ געדענקען - ניט געדענקען, און דערלאַגט אים אַ פֿאַרשריבן צעטל, ער זאָל ניט פֿאַרגעסן ווו ער האַלט אין דער וועלט. און זי זאָל זיך שפּעטער ניט דאַרפֿן שעמען פֿאַר לייטן. אַז זישע האָט אָנגעקוקט ס'קוויטל איז אים געוואָרן זייער ווייך אונטערן לעפֿעלע און פֿאַר די אויגן האָבן זיך באַוויזן רעדער: בלויע, גרינע, און עפּעס גאָר מיתה-משונה קאָלירן. אַזש ער האָט צוגעמאַכט די אויגן פֿאַר שרעק. געקומען צו זיך, האָט ער שוין כמעט חרטה געקראָגן אויפֿן גאַנצן עסק.

- וואָס מיינסטו פּראַדל, איך פֿאַר קיין ישראל אָפּנעמען דוד המלכס ירושה? אָדער ווילסטו איך זאָל דאָרטן אַרומגיין איבער די הייזער?

* * *

זישע אַלפֿערט איז אַהיים געפֿאָרן. זיין האַרץ האָט אָנגעקוואָלן פֿון די גרייעווער.

- פֿונאַנדערגעלייגט זיך מיט די געשעפֿטן - און מיטן בויען - מיט אַזאַ ראָזמאַך...

- דאָס אַלץ איז געווען ביז האָנקאָנג... אַזוי ווי פּראַדל האָט פֿאַרזאָגט: ביז האָנקאָנג מעגסטו גרייעווען, וויפֿל עס גייט נאָר אַריין אין דיין נאַרישן קאָפּ...

צו ערשט האָט ער געכאַפּט אַ בליק אַהין; אַ שמעק אַריין אין אַ געשעפֿט, געטאַפּט אין וואָגן. לייט זענען געפֿאָרן אָנקוקן די כינעזישע גרענעץ, מ'איז דאָך טוריסטן. ביי זישען איז דאָס געווען ניט מער ווי שמאָנצעס. סוף כל סוף האָט ער אויפֿגעמאַכט דעם טייסטער און אָפּגעסילוקט די פֿאָר דאָלער, וועלכע ער האָט געהאַט פֿאַרשטעקט אָן פּראַדלס וויסן - אַבי איינקויפֿן שלום אין דער משפּחה.

אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן האָטעל-בעטל, האָט זישע ערשט דערפֿילט ווי די מידקייט נעמט אַדורך די גלידער, זיי זענען געוואָרן שווער. אָן לעבן, ווי פֿאַרטריקנטע שטיקער ליים. געדוכט האָט זיך אים, אַז ער קער זיך גאָרניט אָן מיט אַט די ליימיקע גלידער וואָס וואַלגערן זיך אויפֿן האָנקאָנגער האָטעל-בעטל. נאָך אַז ער האָט פּרובירט אַ ריר טאָן מיטן קערפּער, האָט ער דערפֿילט, אַז אַלע אברים זענען טאַקע זיינע און דורך זיי לויפֿט אַדורך אַ שטראָם דינע נעדעלעך און שטעכן, שטעכן... איז ער געבליבן רויק ליגן. בלויז אין קאָפּ האָט געאַרבעט דער "קעש-רעדשיסטער": אַלע מאָל צוגעגעבן, אַראָפּגענומען, באַרעכנט און ווידער אַ קלונג. באַצאָלט, איבערגעצאָלט? ניט גענוג געדונגען זיך? מילא - געקויפֿט דוכט זיך אין מקח. כדי אָפּצושטעלן דעם "קעש-רעדזשיסטער", האָט זישע גענומען זיך צוהערן צו דער טונקלקייט. פֿון איבערן דינעם ווענטל איז צו אים דערגאַנגען אַ שטילע שושקעריי, אַ זייער היימישע און ווייזט אויס אַ גאָר נאָענטע. אייגענע מענטשן. נאָכער איז צו אים דערגאַנגען אַ סמאָטשקעריי, ווי ליפּן וואָלטן תאווהדיק אַרומגעלעקט געבראָטענע, געגוזענע פּולקעס.

קיין פֿינגער אין מויל האָט מען זישען ניט געדאַרפֿט אַריינלייגן. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ טאַטע פֿון דערוואַקסענע קינדער. ער האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך פּראַדלען...

לייט האָבן מזל - האָט ער זיך געגעבן צו פֿאַרשטיין - מ'פֿאָרט אַרויס אין דער וועלט זאַלבע צווייט - מאַן און ווייב, איז טאַקע אַנדערש. מ'דאַרף ניט ליגן אַליין ביינאַכט אין אַ האָטעל, און עס איז טאַקע דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן אויך...

נאָך אַז מען האָט ניט קיין געלט - איז שוין בעסער אַליין, ווי גאָרניט.

אויף יענער זייט וועגטל האָט מען געלאַכט... דאַן איז שטיל געוואָרן. די שטילקייט האָט אויך זישען אָנגעשטעקט און ער האָט איינגעדרימלט. געשלאָפן איז ער אויף אַ קול, רחבותדיק. און אַז קיינער האָט אים ניט געטאָרקעט ער זאָל אויפהערן צו כראָפּען, האָט ער הנאה געהאַט פון זיין שלאָף. פּלוצלינג האָט זיך אַ טעלעפאָן צעקלונגען. פון געוווינשאַפט האָט זישע אויסגעצויגן די האַנט און גענומען זוכן דאָס טעלעפאָן-טרייבל. אַז ער האָט עס ניט געפונען, האָט ער אויפגעמאַכט די אויגן. אַצינד איז ער שוין געווען וואַך. ער האָט זיך איינגעהערט. דאָס האָט זיין שכן גערעדט אויפן טעלעפאָן מיט באָסטאָן:

- באָסטאָן? האַלאָ באָסטאָן? אַ, דאָס ביזטו, עמיליע טייערע. ליגט אַ מענטש ביינאַכט אין האָטעל אַליין, איז אים אומעטיק און ער בענקט נאָכן ווייבל... הערסט מיך. עמיליע טייערע? איך בין אַזוי איינזאַם דאָ און איך בענק...

זישע אַלפערט האָט ניט געוואָלט מער הערן וועגן די מציאות, וואָס דער פרעמדער האָט אַלץ איינגעקויפט פאַרן ווייב אין באָסטאָן. עס האָט אים פאַרדראָסן אויפן פרעמדן, און אפשר אויך אויף זיך...

ממזר איינער - האָט ער געטענהט צום פרעמדן - אַליין ביזטו געשלאָפן די נאַכט? עמיליען קאָנסטו עס דערציילן, אָבער ניט מיר...

און וואָס האָט אים אויף זיך פאַרדראָסן? - אַזאַ טיפּש ווי איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז זיין ווייב... דרויסן האָט גענומען טאָגן. זישע אַלפערטן האָט שוין ניט געאַרט דער פרעמדער איבערן וואַנט, ניט עמיליע פון באָסטאָן, אַפילו ניט זיסל, וואָס איז שוין אַ באָבע, כאָטש אַ גאָר יונגע באָבע, און ווי זיין לעבן וואָלט אַנדערש אויסגעזען, ווען ער ענטפערט אויף יענעם בריוו פון 1928. אַלץ וואָס ער האָט אַצינד אין זינען געהאַט איז געווען - האָנקאָנג.

אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט האָט זיך אים געגלוסט עפּעס אַ זאַג טאָן, וואָס זאָל אים אַלץ באַשיידן. אַ וואָרט אַזאַ, אין וועלכן ער זאָל ווי אין שפּיגל דערזען די נשמה פון אַ מענטשן, פון אַ שטאָט, וואָס קאָן אַ מענטשן אַנדערש מאַכן. און אַז ער האָט זיך דערמאָנט דאָס ביינאַכטיקע, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און צו זיך אַ זאַג געטאָן: אַ שטעטעלע, האַ?

---


## מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדזער פאַרוואַלטער:

JACOB LEWIN

6365 Orange St • LA, CA 90048

Telephone: 232 939-7379

משה דוד חיט / ירושלים

# דער שטערן פון דער יידישער עסטראַדע



שוין פיל מאָל האָב איך זיך מיט איר געטראָפן נאָך מיין עליה. יעדעס מאָל, קוקנדיק אויף איר, זע איך איר אַמאָליקן שמייכל, די יונגע פרוי מיט איר חנעוודיק פנים, ווי זי שטייט אויף דער בינע מיט ברייט פאַרשפרייטע אָרעמס, ווי אַ מלאך, וואָס איז אָקערשט אַראָפגעפלויגן פון הימל מיט אַ ספּעציעלער שליחות. דער פול געפּאַקטער זאַל מיט פאַרשיידענע מענטשן, געוויינטלעך, מערסט יידן, שטייען און אַפּלאָדירן מיט די לעצטע כוחות און עס הערן זיך געשרייען: "ביס", "ביס".

דעם 12 אויגוסט פאַריקן יאָר האָב איך זיך מיט איר ווידער געטראָפן אין ירושלים, אין סעדל אויף דער גאַס וואָס טראָגט דעם נאָמען הרב הרצוג. דאָרט שטייט אַ מצבה נאָך די אומגעבראַכטע אין געוועזענעם ראַטן-פאַרבאַנד יידישע שרייבערס און קולטור-טוערס. יעדן יאָר אין דער דערמאָנטער דאַטע קומען מיר זיך צונויף און מערקן אָפּ דעם זיכרון נאָך די קדושים. אַהין קומט אויך שטענדיק נחמה ליפשיץ. דאָס מאָל, טרעפנדיק זיך מיט איר, האָב איך זיך דערמאָנט אונדזער ערשטע באַגעגעניש אין האָמעל, ווייסרוסלאַנד, מיט מער ווי פערציק יאָר צוריק.

...צו אונדז קיין האָמעל פלעגן גאַנץ אָפט קומען מיט קאָנצערטן וווּנדערלעכע יידישע אַרטיסטן, ווי מיכאל אַלעקסאַנדראָוויטש, אַננאַ גוזיק, סידי טאַל, עמיל גאָראָוועץ און דער ווילנער יידישער פאָלקס-טעאַטער. דאָס איז שוין געווען סוף פופציקער-זעכציקער און שפּעטערדיקע יאָרן. מיט די אַלע דערמאָנטע בין איך געווען פערזענלעך באַקאַנט און יעדעס מאָל אינטערוויוירט. אויסנוצנדיק מיין צוטריט צו דער געגנטלעכער צייטונג און טעלעוויזיע, פלעג איך פאַרעפנטלעכן באַריכטן וועגן זייערע אַרויסטרעטונגען. אין יענע יאָרן האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט פּלאַקאַטן וועגן אַן עסטראַדע-אַקטריסע, אַ זינגערין מיטן נאָמען נחמה ליפשיצייטע. דער נאָמען האָט מיר גלייך אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, ליפשיצייטע-ליפשיץ.

איך האָב מיט שטאָלץ אַ טראַכט געטאָן, אַז די זינגערין איז מיינע אַ "זעמליאַצקע", אַן אָפּשטאַמיקע פון ליטע, און כ'האָב זיך געשראָקן אַז עס וועלן קומען ווייניק מענטשן אויף איר קאָנצערט, כאָטש אויף דער אַפישע האָט געשיינט איר חנעוודיק פנים. איר נאָמען איז דער יידישער סביבה פון שטאָט געווען אומבאַקאַנט. טאַקע, אויפן ערשטן קאָנצערט אין דעם גרויסן זאַל פון אייזנבאַנער-קלוב, וועלכער האָט מער ווי טויזנט זיץ-ערטער, זענען געווען אַ סך ליידיקע פלעצער. אויף דעם צווייטן טאָג האָב איך שוין קיין בילעט אין קאַסע ניט באַקומען, איך האָב פאַרשפּעטיקט, אַלץ איז געווען אויספאַרקויפט. איך האָב געמוזט נוצן אַ קאָנטראָמאַרקע ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער

אָרטיקער צייטונג. דאָס מאָל איז דער זאַל געווען איבערפולט און טייל מענטשן זיינען געשטאַנען, אָדער געזעסן אויף צוגעשטעלטע שטולן. גלייך נאָכן ערשטן קאָנצערט איז אין שטאָט פאַרשפּרייט געוואָרן, ווי מיט קאָסמישער שנעלקייט, די ידיעה וועגן נחמהס אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנטפולן און האַרציקן געזאַנג. אָן קיין שום שרעק, דרייסט, האָט מען געקענט זען אין זאַל מיליטערלייט מיט יידישע פּנימער, גרויסע נאַטשאַלניקעס, באַוווסטע אין שטאָט אינטעליגענץ און אַפילו ניט יידן אויך.

איך בין געזעסן אין דער ערשטער ריי די גאַנצע צייט מיט אַן אָפן מויל און געזאַפּט אין זיך ביז טיף אין האַרצן די וווּנדערלעכע קלאַנגען פון איר שטים, פון די פאַרבענקטע יידישע לידער. טרערן האָבן זיך ניט ווילנדיק באַוויזן אויף מיינע באַקן ביז אין מויל אַריין, ווי איך וואָלט געטרונקען אַ זיסן געטראַנק. מיט פאַרליבטע אויגן האָב איך נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען. נאָכן פאַרענדיקן דעם קאָנצערט האָבן אַלע ווי איין מענטש זיך אויפגעשטעלט און מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן געבעטן נאָך און נאָך זינגען לידער, און נחמה האָט געזונגען. זי איז געווען געצוווּנגען געבן צוגאָבלעך אויף מאָרגן באַטאָג נאָך אַ קאָנצערט.

איך בין גלייך געלאָפן הינטער די קוליסן, אויסגעפינען נחמהן, זיך באַקענט מיט איר, און ווען זי האָט זיך נאָך דערוווּסט אַז איך בין אַ ליטוואַק, האָט זי פריינטלעך איינגעשטימט זיך צו טרעפן מיט מיר און געבן אַן אינטערוויו. איך האָב פון פאָרויס צוגעגרייט מיינע פראַגעס.

האָמעל איז די צווייטע שטאָט אין ווייסרוסלאַנד לויט דעם שטח און צאָל פון דער באַפעלקערונג, און די ערשטע לויט די גרינע געוויקסן, די שענסטע שטאָט אין דער רעפּובליק. געוויינטלעך, ווי אין יעדער שטאָט, זענען אויך דאָ פאַראַן אויסגעוויילטע אינטערעסאַנטע ערטער, אָנערקענטע פון אַלע איינוווינער. דאָ איז עס דער צענטראַלער פּאַרק און דער אַנסאַמבל פון אַ פּאַלאַץ. דער פּאַרק איז שוין אַלט אַרום 300 יאָר, דאָ וואַקסן מער ווי 200 סאָרטן ביימער, צווישן זיי אַ היפּשע צאָל עקזאָטישע, געבראַכטע פון אַפריקע און ווייטן מזרח.

געוויינטלעך, ווען עס קומען געסט אין אַ שטאָט, וווּהין גייען זיי באַזוכן? דאָס ערשטע איז אין אַ מוזיי. דאָ האָט דער פּאַרק מיטן פּאַלאַץ פאַרביטן אַפילו דעם געגנטלעכן מוזיי. אין פּאַרק איז שטיל און פריש, עס אַרבעט אַ פאָנטאַן, אין די וואַסער-קאַנאַלן שווימען ווייסע און שוואַרצע שוואַנען, אין דער לופטן איז אַ געשמאַקער ריח פון בלומען און ביימער. אין דער פרייער צייט פון די יידישע אַרטיסטן, וועלכע פלעגן קומען קיין האָמעל מיט קאָנצערטן, פלעג איך כמעט שטענדיק זיי באַגלייטן אין דערמאָנטן פּאַרק און פּאַלאַץ. איך האָב געפילט אַ באַגער צו פאַרשאַפן זיי אַ ביסל פאַרגעניגן - דערציילן זיי די געשיכטע פון פּאַרק און באַקענען מיט די שיינקייטן פון פּאַלאַץ.

דאָס זעלבע איז געווען מיט נחמה ליפשיץ. מיר האָבן צווישן זיך גערעדט אַ ריין ליטווישן יידיש, זיך געטיילט מיט איינדרוקן, ווען מיר האָבן שפּאַצירט איבערן פּאַרק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ביימער האָבן איר באַגריסט, אָפּגעבנדיק איר כבוד. אַ קליינע וועווערקע מיט אַן עק לענגער פון איר גוף איז אַראָפּגעקראָכן פון אַ בוים האַלטנדיק זיך פעסט פאַר דעם שטאַם, זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז און אויסגעשטרעקט איר לאַפּקע, ווי אַ בעטלערקע. מיר האָבן מיט זיך נישט געהאַט ניט קיין ניס און ניט קיין סעמעטשקעס. די וועווערקע איז אין כעס געוואָרן, געמאַכט אַ קרומע מינע,

פינטלענדיק מיט אירע גרויסע אויגן און אַנטלאָפן זוכן בעסערע געסט. איך בין געווען צופרידן, וואָס איך קען נחמהן פאַרשאַפן עטוואָס נחת. איך האָב איר באַגלייט איבער די שיינע, באַפוצטע צימערן מיט באַרעליעפן, אַרכיטעקטאָנישע עלעמענטן לויט דער באַשטימונג פון יעדן צימער.

היינט קען איך אויסזאָגן אַ סוד וואָס איז געווען פאַרבאַהאַלטן אין מיין האַרצן. איך בין געווען פאַרליבט אין איר. זי האָט וועגן דעם זיכער ניט געוווּסט. און פון וואַנעט האָט זי דאָס געקענט וויסן, אַז איך האָב איר וועגן דעם קיין מאָל נישט געזאָגט. איך צווייפל ניט, אַז איך בין נישט געווען דער ערשטער און איינציקער. נישט ליבן איר איז געווען אוממעגלעך. אָבער מיין ליבע איז געווען ווי צו אַן אייגענער לייבלעכער שוועסטער. איר שטים, איר בליק, אירע חן-גריבעלעך אויפן צאַרטן פנים, איר האַרציק געזאַנג האָט מיט אַ צוציונגס-קראַפט פאַרכישופט אירע טויזנטער צוהערער, ליבהאָבער פון יידיש און יידיש געזאַנג.

אין יענע יאָרן פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, האָט זי אפשר קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן איר פּאַרדינסט פאַר די דאָרטיקע יידן. מיט איר שטים, געזאַנג און רעפּערטואַר וועלכן זי האָט טרעפלעך אָפּגעקליבן, מיט די רירנדיקע פאָלקס-און פּאָפּולערע לידער פון די גרויסע יידישע פּאָעטן האָט זי געוועקט, געבונטעוועט די געדאַנקען פון די יידן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן פון דער סאָוועטישער דערציונג און פּראָפּאַגאַנדע פון דער סאָוועטישער מאַכט. זי האָט אויך געבראַכט טרייסט צו די געראַטעוועטע פון דער נאַצישער בעסטיע. נחמהס געזאַנג איז געווען די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע מאַסן. איך מיין, אַז זי האָט אַ פאַרדינסטפולן חלק אין שפּעטערדיקן באַשלוס, וואָס האָט דערפירט צו דער קאָלאָסאַלער עליה פון געוועזענעם ראַטן-פאַרבאַנד, דווקא קיין ארץ ישראל.

נחמה, אַ געבאָרענע אין אַ קאָוונער משפחה, ווען טאַטע איז געווען אַ לערער און גלייכצייטיק אַ קינדער-דאָקטאָר, יודל ליפשיץ, און די מאַמע, באַסיע, האָט איינגעזאַפּט אין זיך די זאַפטיקייט פון יידיש, וואָס איז געווען די טאָג-טעגלעכע שפּראַך אין דער היים, און אויך עברית אין וואָס נחמה האָט זיך פאַרליבט שוין לערנענדיק אין דער קאָוונער רעאַל-גימנאַזיע. דאָס האָט געווירקט אויף איר ווייטערדיקן לעבנס-וועג. נישט קיין קלענערע ווירקונג האָט געהאַט אויף איר די ליבע צו געזאַנג אין דער היים, ווו איר טאַטע האָט שטענדיק באַגלייט לידער, שפּילנדיק אויף זיין פידעלע. שוין דאַן, אין די קינדערשע יאָרן, האָט נחמה אָנגעהויבן זינגען. זי האָט שוין דאַן געטרוימט צו ווערן אַ זינגערין, אַ יידישע אַקטריסע. שפּעטער, ווען די רוסן האָבן אָקופּירט ליטע און נאָך דעם ווען איר משפחה האָט זיך געראַטעוועט אַנטלויפנדיק פון די נאַציס, און אַרבעטנדיק ווי אַ דערציערין און ביבליאָטעקאַרין אין אַ קינדער-גאָרטן אין אוזבעקיסטאַן, האָט זי זיך ניט געשיידט מיט איר טרוים, געזונגען פאַר זיך און פאַר די קליינע קינדערלעך. נאָך דער מלחמה קערט זיך אום נחמה קיין ליטע. דאָ לערנט זי זיך, פאַרענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע און הייבט אָן איר טעאַטראַלע טעטיקייט מיט קלאַסיש געזאַנג אויף פאַרשיידענע שפּראַכן – ליטוויש, רוסיש, אוקראַיניש. יידיש איז דאַן געווען טריף. ערשט נאָכן איינעמען די מיתה משונה פון "טאַטן פון אַלע פעלקער", דעם אַנטיסעמיט און מערדער סטאַלין י"ש, און צו דער מאַכט איז געקומען כרושטשאָוו, האָט זיך דערפילט אַ דערוואַרעמונג פון דער לופט און יידיש האָט זיך ביסלעכווייז אומגעקערט, כאָטש אַ פאַרבלוטיקטע און פאַרווונדעטע. מיר האָבן ווידער געקענט הערן יידישע

מוזיק און געזאַנג. טאַקע דאַן, אין 1956, האָט זיך ערשט דערהערט נחמהס שטים אויף יידיש. די יידישע באַפעלקערונג האָט אַן אויסגעהונגערטע אויפגענומען מיט פרייד די באַנייונג פון דער יידישער קולטור.

עס זיינען דעמאָלט באַפרייט געוואָרן אַזעלכע זיילן פון יידיש געזאַנג ווי עפּעלבוים, ליובימאָוו, שולמאַן. דרייסטער איז געוואָרן מיכאל אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער האָט טיילווייז פאַרביטן זיין רוסישן רעפּערטואַר אויף יידיש. גלייכצייטיק מיט אים, און אפשר עטוואָס שפּעטער, האָבן זיך באַוויזן אויף דער עסטראַדע אַנאַ גוזיק, סידי טאַל, עמיל גאָראָוועץ, זינאָווי קאָמינסקי, בנימין כייטאָווסקי און אַנדערע, געוועזענע אַרטיסטן פון פאַרמאַכטן יידישן טעאַטער "גאָסעט", תלמידים פון שלמה מיכאָעלס און בנימין זוסקין. עס איז אויפגעקומען און דערפאָלגרייך אַרויסגעטראָטן אויף פאַרשיידענע בינעס דער ווילנער פאָלקס-טעאַטער.

אָבער דער דינער סאָפּראַן, די פּרעכטיקע שטים, די האַרציקע אויספירונג פון נחמה ליפשיץ, האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, די יידישע מאַסן האָבן געשלונגען די פאָלקס-מוזיק און ליד, אָפט מאָל מיט טרערן אין די אויגן. באַ איר איז די שטים געגאַנגען ניט נאָר פון מויל, נאָר פון דער נשמה. וועגן נחמהס טאַלאַנט איז באַוווסט געוואָרן ווען זי, אַ יונג מיידל פון ליטע, איז אַרויסגעטראָטן מיט איר רעפּערטואַר אויף דעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פאַר עסטראַדע אַרטיסטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע. דאָרט, לויט דעם אַלגעמיינעם באַשלוס פון דער זשורי, האָט זי פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. בראש פון דער זשורי איז געווען דער באַוווסטער לעאָניד אוטיאָסאָוו. מע האָט דערציילט, אַז ווען נחמה האָט אָנגעהויבן איר געזאַנג אויף יידיש איז אוטיאָסאָוו אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, ביז וואַנען נחמה האָט געענדיקט זינגען. כמעט אַלע צושויער זיינען אויך אויפגעשטאַנען און באַגלייט די זינגערין מיט לאַנג דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן...

קוקנדיק היינט אויף נחמהן קען מען מיינען, אַז איר לעבנס-וועג איז שטענדיק געווען אויסגעשפּרייט מיט טעפּיכער. איך מיין, אַז ניט פיל מענטשן ווייסן, אַז אָפט מאָל איז איר וועג געווען באַזעצט מיט דערנער. ניט געקוקט אויף איר גרויסן טאַלאַנט און פּאָפּולערקייט, איז איר ניט איין מאָל אויסגעקומען גיין דורך פייער און וואַסער. די סאָוועטישע מאַכט האָט אָנגעהויבן איר פאַרפאָלגן און נאָכשפּירן...

"ווי האָט די אָ יונגע יידישע פרוי די דרייסטקייט צו זינגען אויף יידיש?" - האָט מען זיך געוווּנדערט אין די "הויכע פענצטער".

איר רעפּערטואַר האָט מען אָנגעהויבן שטרענג קאָנטראָלירן און ניט אַלץ דורכלאָזן. מע האָט אַפילו געמאַכט אַן אונטערזוכונג באַ איר אין דער היים, כדי איר באַשולדיקן אין שפּיאָנאַזש, כאָטש קיין האָר האָבן זיי דאָרט נישט געפונען... ניט איין מאָל האָט מען אירע קאָנצערטן פאַרקירצט אָדער אויסגעטיילט קליינע זאַלן, עס זאָלן וואָס ווייניקער מענטשן קענען קומען, ניט געלאָזט אָפט מאָל אַרויסטרעטן אין איין און דעם זעלבן אָרט. נחמה האָט זיך נישט איינגעבראָכן, ניט געפאַלן אין געמיט און פאָרגעזעצט איר קאַמף פאַר יידיש, איר שעפערישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

זי האָט געזונגען פאָלקס-לידער און לידער פון די לעבן געבליבענע פּאָעטן נאָך סטאַלינס גרויסן פּאָגראָם קעגן דער יידישער קולטור. פאַר איר האָבן געשריבן לידער די געקומענע פון די לאַגערן און פאַרשיקונג אַזעלכע באַוווסטע פּאָעטן, ווי שמואל האַלקין, שיקע דריז, קאָטליאַר, יוסף קערלער. נחמה זינגט דאָס ליד פון הירש גליק, "זאָג נישט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", מרדכי געבירטיגס ליד "עס

ברענט", ווי אויך אַנדערע אַמאָליקע און הײַנטצײַטיקע לידער.

ווען נחמה האָט אין יאָר 1969 פּאַרווירקלעכט איר לאַנגיאָריקן חלום און זיך אַרויסגעריסן פון "גן עדן" און עולה געווען קיין ארץ ישראל, האָב איך געהאַט אַ געפּיל, אַז עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן פון געוויינלעכן יידישן לעבנס-שטייגער. איך מיין, אַז אַזאַ געפּיל איז געווען באַ אַ סך ליבהאָבער פון יידיש אין געוועזענעם ראַטן-פאַרבאַנד.

אויף די שפּאַלטן פון זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד", אונטער דער אָנפירונג פון דעם רעדאַקטאָר אהרן ווערגעליס, באַווייזט זיך אַ גרויסער אַרטיקל קעגן נחמהן מיט פאַרשידענע רכילות און אויסגעטראַכטע באָבע-מעשיות, מיט זידלערייען אויף איר אַדרעס. מיט פיל צאָרן און ווייטאָג האָב איך געלייענט די פעלשונגען, ווי פיל ענלעכע אין דער סאָוועטישער פּרעסע. מיר איז אָבער געווען שווער צו באַנעמען, ווי הייבט זיך אויף אַ האַנט, אַ יידישע, צו וואַרפן אַזוי פיל שמוץ אויף אַ פרוי, וואָס האָט געטראָגן די מאַסן ברעקלעך פון איר יידיש האַרץ דורך איר ווונדערלעכן געזאַנג.

ניט געקוקט אויף דער נעגאַטיווער באַציונג אין יענע יאָרן אין ישראל צו יידיש, האָט נחמה דערפּאָלגרייך פאָרגעזעצט איר טעאַטראַלע טעטיקייט. דאָ טרעט זי אָפּט מאָל אַרויס אין תל-אביבער איבערפולטן זאַל פון "היכל התרבות". פון דאָסניי האָט זי באַקומען אָנערקענונג און הויכע אָפּשאַצונג פון איר טאַלאַנט. און ניט נאָר אין ישראל, נאָר אין דער גאָרער וועלט. זי פאָרט מיט קאָנצערטן קיין אַמעריקע, ענגלאַנד, בעלגיע, רוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד און מעקסיקע, קאַנאַדע און אַנדערע לענדער. אומעטום ווערט זי אויפגענומען מיט באַגייסטערונג, מיט פרייד, מיט אַנטציקונג און כבוד. אירע אַרויסטרעטונגען פאַרוואַנדלען זיך באַ דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ יום-טוב.

נחמהס שטים, איר געזאַנג איז פאַראייביקט אין פאַרשיידענע פּלאַסטינקעס, קאַסעטן, טאַשמעס און דיסקעטן. אָפּט מאָל קען מען הערן מען הערן דורך רדיאָ איר פּרעכטיק געזאַנג, וואָס פאַרשאַפט די צוהערער פיל נחת.

איך הײַנט הערן מיר אָפּט נחמס שטים. זי נעמט אָנטייל אין פאַרשיידאַרטיקע אונטערנעמונגען. אמת שוין ניט מיט געזאַנג, נאָר מיטן וואָרט, און אַלצאַיינס שאַפט זי פאַרגעניגן די צוהערער און פילצאָליקע אירע פאַרערער. הײַנט דערציט זי אַ נייעם דור, ווענען זי גיט איבער איר דערפאַרונג, איר ליבשאַפט צו מאַמע-לשון.

עס בלײַבט נאָר צו ווינטשן איר ווייטערדיקן דערפאָלג און געזונט - עד מאה ועשרים.

אין טאָג פון 56-סטן יובל פון ישראלס אומאָפּהענגיקייט האָבן מיר מיט גרויס באַפרידיקונג באַקומען די ידיעה, אַ נחמהן איז צוגעטיילט געוואָרן דער בכבודיקער טיטל "ערן-בירגער פון תל-אביב". איז לאָמיר איר טאַקע ווינטשן "כן ירבו", זי האָט עס כשר פאַרדינט.

ירושלים 2004

---

אַבאָנירט און שטיצט

## חשבון

די איינציקע יידישע צײַטשריפט אין די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

עקיבא פישבין

# ווען נישט מאָדיליאַני

## צום 120-סטן געבוירנטאָג פון גרויסן קינסטלער

ווען דער אָרעמער חיים סוטין, דער אַנגסטיקער און אומבאַהאָלפענער, איז דערשינען אין פּאַריז, האָבן זיינע "גוטע פריינד" אים גלייך באַשטימט זיין "צוקונפט" - דער אָמאָדנער פּאַרשוין, דער "שמירער", האָבן זיי שוין מיט שכל "פּאָרויסגעזען", וועט צו קיין גרויס אין לעבן זיך נישט דערשלאָגן - זיין נאָמען וועט די גרענעץ פון מאָנפּאַרנאַס זיכער נישט אַריבער... אַזוי האָבן די "פריינד" געפּסקנט. יאָ, ס'האָט גאָרנישט געפעלט קיין סך, אַז די דאָזיקע "נבואה" זאָל טאַקע באמת מקוים ווערן... מאַכט זיך, אַז דער שר הקונסט אין די הימלען האָט זיך דערבאַרעמט אויף דעם גאָונישן בחור. ער האָט אים אַ גוטן מלאך אונטערגעשיקט. און דער מלאך האָט אים געפירט שוין אויף אַ וועג.

בסך הכל, קאָן מען זאָגן, איז דער גורל פון אָרעמען חיים סוטין גאָרנישט געווען אַזוי שטאַרק ברוטאַל. ווייל - אָט קוקט. שוין גלייך אין קאַיאָר פון זיינע ביטערע פּאַריזער יאָרן באַוויזט זיך פּאַר אים דער ליבער מאָדיליאַני און, ווי אַן עלטערער ברודער, נעמט ער אים אין די הענט אַריין. נישקשה - דאָס פּאַרחברן זיך מיט מאָדיליאַני איז פּאַר חיים סוטין געווען אַ גרויס געווינס - ממש אַ גליק!

הער נאָר - מאָדיליאַני! חיים סוטין האָט דאָך צו אים אַרויפגעקוקט - מחוץ זיין טאַלאַנט, באַוווּנדערט זיין קולטור. געוואַלד, ווו נעמט מען זיין וויסן? - האָט ער געטראַכט - אַזאַ למדן! אַ למדן מופלג איז ער דאָך!... הער נאָר אַ מעשה... גאַנצע שטיקער פּאָעזיע קאָן ער דאָך רעציטירן - דער יונג... גע-וואַא-לד!!!

יאָ! חיים סוטין האָט מאָדיליאַנין, דעם חבר זיינעם, מקנא געווען... אָבער אַלץ הייסט מקנא געווען?... מען דערציילט, אַז ווען מאָדיליאַני, שיכור, גלייך נאָכן ערשטן גלעזל משקה, פלעגט אין די קאַפע-הייזער אויפן מאָנפּאַרנאַס, נעמען דעקלאַמירן פערזן פון דאַנטע, פון באָדלער, טייל מאָל גאַנצע שטיקער פון האָמערס "איליאַדע" - פלעגט חיים אַריינפאַלן אין התפעלות און פרעסן זיין חבר מאָדיליאַני מיט די אויגן... ער איז דאָס עפּעס אַ מין קולטור-מענטש!

אמת, מחוץ א "קולטור-מענטש" איז מאָדיליאַני אויך אַן איבערגעגעבענער חבר געווען. ער האָט זיין גוטן ברודער סוטין געפירט אויף אַ וועג. קודם-כל האָט ער אים אַריינגעבריינגט אין די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער קונסט, ער האָט אים קלאָר געמאַכט די פילאָזאָפיש-עסטעטישע טענדענצן - די נייע. מיט די דאָזיקע פראַגן איז מאָדיליאַני שוין געווען גוט באַקאַנט, ווייל געקומען קיין פּאַריז אין 1906, איז ער אַריין גלייך אין די יונגע קינסלערישע קרייזן אויפן מאָנמאַרטר און אַרום מאָנפּאַרנאַס, און געוואָרן בקי אין די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער שאַפונג. אגב, גלייך ווי ער איז אַריבער די שוועל פון פּאַריז, ווי נאָר ער איז אַריין אין די גאַלעריעס, האָט אים אַ שלאָג געטון אין די אויגן דער פּאַרבן-פלאַקער פון די א"ג "פאָוויסטן" - ס'הייסט - די "ווילדע" (מיט דעם אָ נאָמען האָט זיי אַ קריטיקער "געקרוינט", צוליב זייער ווילדן פּאַרבן-טומל). מען דאַרף באַטאָנען - די "פאָוויסטן" איז נישט אָנגעגאַנגען די נאַטור-פּאַרב פון אָביעקט: "נישט די נאַטור דאַרף מען קאָפּירן, האָבן זיי געטענהט, נאָר די אייגענע אימאַגינאַציע". אויף אַזאַ שטייגער האָבן זיך שוין, אויף זייערע בילדער, די פּאַרבן צעבליצט און צעפייערט! דער יונגער פלאַמינג, דער פאָוויסט, האָט דערקלערט - "דאָס

וואָס איך האָב צו זאָגן, ווייל איך שרייען!..." נו, האָט ער אַלץ אין דער וועלט באַמאָלן מיט צעשריגענע פאַרבן. אַ צווייטער "פאָוויסט", דער יונגער דערען, האָט געזאָגט, אַז "פאָוויזם איז אַ טעסט פון פייער!" הכלל - דער "פאָוויזם" האָט געטומלט מיט אַ ליאַרעם פון קאָלירן. פאַר דעם אַוואַנגאַרד-פאָעט, דעם פראַנצויז אַפּאָלינער, דעם "רבי" און טיש-פירער ביים יונגן עולם קינסטלער, איז "פאָוויזם", "א מין קערמעס - א פלעמיש-אַרטיקער נוסח פון פרייד וואָס רוישט, און פליסט איבער די ברעגעס...

ס'איז כדאי צו באַמערקן - בשעת מאָדיליאַניס אָנקום קיין פאַריז האָבן זיך די "פאָוויסטן" שפּאָר אָנגעזוען אין די גאַלעריעס און אויסשטעלונגס-זאַלן. און אָט, באַלד האָט זיך באַוויזן דער "קוביזם" - אַ רעוואָלוציע קעגן דעם טראַדיציאָנעלן אופן פון פורעממען דעם אָביעקט. ווי האָט געזאָגט דער ערשטער פאַרקויפער פון פּיקאַסאָס ווערק - קאַהנווייַלער, דער יונגער דייטש-יידישער קונסט-סוחר אין פאַריז - "דער קוביזם צעברעכט די לוחות - זיי זענען אומנוצלעך געוואָרן..."

פון די דאָזיקע קונסט-נייעסן איז מאָדיליאַני, דער יידישער בחור פון זוניקן איטאַליע, נישט געוואָרן נתפעל. אויף אים האָט דאָס אינטעלעקטועלע, וואָס שטייט צוקאָפּנס די אָ בילדער, אָנגעיאָגט אַ מין קעלט... אַ סך מוח-אָנשטרענג, ווייניק האַרץ און געפיל. ווייניק השתפכות הנפש פון בעל היצירה - האָט ער ביי זיך געטראַכט... מאָדיליאַני, דער סובטעלער פּאָעט, האָט זיך מיט די "נייעסן" נישט אַרומגעכאַפּט. זעט איר - די נייעס פון דער נעגערישער קונסט - דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק.

הקיצור, מאָדיליאַני איז אַוועק מיט אַן אייגן-שעפערישן וועג. מיט די דינסטע סטרונעס פון זיין פּאָעטיש געמיט האָט ער באַזונגען די נשמה פון אַלע, וועלכע ער האָט באַגעגנט. אין זיינע פּאָרטרעטן פליסט אַרום דער ליריזם. ווי האָט געזאָגט כיל אַראָנסאָן, דער מבין: "מאָדיליאַני... איז געקומען, כדי רעקאָנסטרוירן געטריי דאָס מענטשלעכע פנים, נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן אַזוי געפערליך צעריסן דורך די קינסטלער פון אונדזער צייט" (בילדער און געשטאַלטן פון מאָנפּאַרנאַס", פאַריז - 1963).

אינטערעסאַנט - אַ נאָענטערע פריינדשאַפט מיט די יונגע פון די "נייעסן" האָט מאָדיליאַני נישט פאַרבונדן. דווקא צו די יונגע קינסטלער, עמיגראַנטן פון מזרח-אייראָפּע, צו די פון דעם א"ג "לאַ-ריש", דעם מלך אביון-שלאָס פון די קינסטלער, ווייט פון מאָנפּאַרנאַס - צו זיי האָט אים געצויגן. אויב איז מאָדיליאַני צוגעפאַלן צו סוטינס יצירה, איז ווייל אים האָט אַ ברי געטאָן דאָרט די שאַרף פון אַ ברומענדיקן השתפכות הלבֿ! און די אָ ברומענייש פון אַ טיטאַן האָט אים צעטרייסלט ס'געמיט!... מעגלעך, אַז דער סובטעלער מאָדיליאַני האָט אויך, אין די סוטינישע בילדער, אַ ניצוץ פון אַ נשמה - קרובשאַפט גאָר אויפגעכאַפּט?... אַן דאָס האָט אים האַרציק אַזוי, און ליבלעך, פאַרברודערט מיט סוטינען... ווייל, אַרום-און-אַרום, האָט מאָדיליאַני דער געבוירענער גייסטיקער אַריסטאָקראַט, מיטן זיידענעם פלאַטערדיקן שניפּס און ברענענדיקע אויגן, וואָס פלעגט זיך אַוועקשטעלן פאַר דער טעראַסע פון קאַפע "לאַ ראָטאָנד" (אויפן מאָנפּאַרנאַס - ע.פ.) און דעקלאַמירן - צום געלעכטער פון די וואָס זענען דאָרט געזעסן - דאַנטעס "גיהנום" (הערש פענסטער - "אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער", פאַריז - 1951), ער - דער אָ יידישער בחור האָט מיט זיך אַרומגעטראָגן, וואָרשיינלעך, אַ צעפליקטע נשמה... ער האָט עפּעס קיין פרייד אין לעבן נישט געפונען. פאַר דעם סענסועלן בחור מיטן פרינצישן געשטעל זענען דאָך די מאָדעל-מיידלעך אויסגעגאַנגען, אַלע זענען זיי אין אים געווען פאַרליבט! זיין דערפאָלג ביי פרויען האָט נאָך די ראַצן פון זיין נשמה נישט



אַמעדעאָ מאָדיליאַני:
פּאָרטרעט פון חיים סוטין
(1918)



חיים סוטין:
שטיל-לעבן מיט הערינג

פאַרגלעט. און זיין יחוס-בריוו (זיין אָפּשטאַם פון שפינאָזאַ, ווי די מאַמע האָט אים פאַרזיכערט) האָט דעם שטאָלצן ייד מאָדיליאַני קנאַפּ באַפרידיקט. מאָדיליאַני האָט אַרומגעטראָגן אַ מין גריזאָטע וואָס האָט אים געשטויסן צום ביטערן טראָפּן און צו נאַרקאָטיקן... די משקה מיטן סם האָבן אַ תל געמאַכט פון זיין יונגן לעבן...

אַלזאָ - מאָדיליאַני האָט סוטינען גענומען אַ קאַפּעטשקע אויסמענטשלען. קודם-כל האָט ער אים אַריינגעפירט אין די "נייעסן" פון דער מאָדערנער קונסט. זיי האָט צו סוטינס האַרץ נישט גערעדט. דער פאַרבן-פלאַקער פון "פאָוויזם" האָט אויף אים געווירקט, עלעהיי די שפּיל פון קאַלטן פייער-ווערק. און אויך דער קוביזם האָט אים נישט דערוואַרעמט, נישט אָנגערעגט צו גיין אין די אָ טריט. גערעדט צו אים האָט אָבער דאָך דער דראַנג צו קרעאַטיווער פרייהייט פון דער יונגער חברה. דאָס האָט אים אימפּאָנירט. בסופו של דבר, סוטין האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט - ער וועט אַנאַליזירן, ווי זיין שטייגער, די מייסטער פון אַמאָל, און אָן אויער צולייגן צו דער אייגענער נשמה. און אַזוי וועט ער ממשיך זיין דעם שעפערישן וועג זיינעם.

אַז די מייסטער פון אַמאָל זענען געבליבן זיינע "געטער", זאָגט עדות דער אינטערעסאַנטער פּרט וועלכן גערטאַ מיכאַעלס דערציילט אין אירע זכרונות, דערשינען אין פּאַריז נאָך דער מלחמה. ווען גערטאַ האָט דאָס ערשטע מאָל, אין יאָר 1937, איבערגעשטעלט די שוועל פון סוטינס לייטישער דירה - ער איז שוין דאַן מאַטעריעל גוט אַוועקגעשטעלט - האָט זי גלייך באַמערקט די רעפּראָדוקציעס פון רעמבראַנד, קאַראָ און קורבע, זיי האָבן "אַראָפּגעשיינט" פון די ווענט, צוגענאָגלט בלויז מיט פלוסקעוועקס...

יאָ - לאָמיר באַטאָנען - מאָדיליאַני, האָט גענומען "אויסמענטשלען" זיין טרויעריקן ברודער סוטין, אָבער דערמיט אַליין נישט יוצא געווען. ער האָט אַ טראַכט געטאָן אויך, ווי אַזוי אַ בילד סוטינס צו פאַרהאַנדלען. ובכן, אַן "אויסגעגרינטעטער" אין פּאַריז, זייט אַ צייט, האָט מאָדיליאַני, מיט אַ צוויי בילדער אונטערן אָרעם, אַוועקגעפירט סוטינען צו זיינעם אַ גוטן פריינד מיטן נאָמען - שעראָן, אַ פריש איינגעשטעלטן סוחר אין אַ רייכן געגנט פון גאַלעריעס. שעראָן, אַ געוועזענער פאָטאָגראַפיסט, האָט געהאַט אַן אויג פאַר דער גוטער מאָדערנער מאָלעריי. מיטן ערשטן בליק האָט ער אָנגעטאַפּט די ווערטיקייט פון בילד - און געזען - פאַראַן דאָרט עפּעס אַ לעבעדיק וואָרט, אָדער סתם דברים בטלים...

שעראָן האָט סוטינס יצירה גוט-גוט באַטראַכט, און דערפילט דעם צאַפּל פון אַ באַזונדערן טאַלאַנט. איז די מעשה - שעראָן שטייט דאָך מיט אַ גאַלעריע אין רייכן קאָמערציעלן צענטער, ער וואַרט דאָך אויף אַ לייטישן קונה. כ'בעט אייך - וועלכער באַלעבאַטישער פראַנצויז וועט באַשיינען זיין סאַלאָן מיט אַ בילד, ווו די שלוּוהדיקע נאַטור פאַרמאָגט נישט קיין גלייכגעוויכט?... דער אָ חברהמאַן האָט דאָס אַ כוח! עפּעס מאָלט דאָך, דער בחור, פּייזאַזשן צעריסן-צעפּליקטע, "שטיל-לעבנס" מיט אַ פּירוש פון טויט; ער דערלאַנגט דאָך די וועלט, ווי נאָך אַ נאַטור-קאַטאַסטראָפע... יאָ, דער בחור האָט וואָס צו זאָגן. אין אים שטעקט עפּעס אַן אומרו, אַן אומעט, וואָס גייט אין איינעם מיט אַ בענקשאַפט... וועלן דאָס די גאַלעריע-קונים זיין ביכולת צו פאַרשטיין? שווער צו גלויבן. און דאָך וויל ער פּרווון, שעראָן. דער טאַלאַנט פונעם יונגן מאָלער האָט אים אַ נעם געטאָן – עפּעס דערלאַנגט ער, דער אָ באַשיידענער בחור, א הילכיק לשון! ער מאָלט דאָך עפּעס אין גאַנצן אַנדערש, ווי זיינע "קאָלעגן". ער איז דאָס אַ טיראַן לגבי דער נאַטור... ער טוט דאָס פאַרגוואַלדיקן דעם געטלעכן באַשאַף!... אַ צאָרן טראָגט ער

לגבי דער וועלט!... זאָל דאָס רעדן צום געשמאַק פון קונים אין דער סביבה?... ער וועט אַ פּרווו טאָן.

ליידער - סוטינס בילדער האָבן צום געשמאַק פון שעראַנס קונים נישט גערעדט... נו מילא... מאָדיליאַני האָט זיך נישט איבערגענומען - ער איז אַוועק מיט סוטינען צו זבאָראָווסקין - ביי אים פּרוון ס'מזל. דער אָ פּוילישער קונסט-סוחר - ער פאַרנעמט זיך דאָך מיט יונגע קינסטלער, פאַרקויפט די בילדער פון קיסלינג, אוטריאָ, און אַנדערע. און מיט אים, און זיינע בילדער, טוט דאָך זבאָראָווסקי זיך אַרומכאַפּן. איז זאָל ער'ז־שע פּרווון פאַרקויפן אויך סוטינס בילדער. מאָדיליאַני וועט דעם דערפאָלגרייכן פּוילישן קונסט-סוחר נייטן... נישקשה - ער האָט ביי אים אַ וואָרט צו זאָגן - ער איז אַ בן-בית ביי אים. ער וועט דעם פּאָליאַק צווינגען! ער וועט מוזן אַריינגעמען אין זיין גאַלעריע עטלעכע סוטין-בילדער, און אים אויסצאָלן חודשלעך אַ געהאַלט!

זבאָראָווסקי איז געווען אַ מענטש מיט אַ נשמה פון אַ קינסטלער, פון פּוילן איז ער געקומען קיין פּאַריז לערנען קונסט. נאָך אַ צייט, האָט ער זיך גענומען צום מסחר, און שיין מצליח געווען. זיין גאַלעריע איז געוואָרן אַן אַדרעס פאַר יונגע קינסטלער, און אויך פאַר קאָלעקציאָנערן מיט געשמאַק.

מען דערציילט, אַז מאָדיליאַני האָט דעם פּוילישן קונסט-סוחר דערקלערט - סוטין איז אַ גאון, ער מאָלט בילדער, איז עס עפּעס אַזעלכעס און אַזעלכעס. ובכן, איז אַ יושר, אַז ער - זבאָראָווסקי, דער אַפּוטרופּוס פון יונגע טאַלאַנטן, זאָל נעמען סוטינען אונטער זיין השגחה, און אים שטעלן אויף די פיס.

זבאָראָווסקי, אַ מענטש מיט אַ יונגן עסטעטישן געשמאַק, האָט באַטראַכט די בילדער, וואָס די צוויי בחורים האָבן אים אונטערגעטראָגן.

וואָס אַ שטייגער האָבן זיי אים אונטערגעטראָגן? מען קאָן זיך משער זיין, אַז דאָס זענען געווען עטלעכע לעצטע שאַפונגען פון די יאָרן 16-1915. למשל, דאָס בילד "די אַטעליע" - אַ צעפאָרן הייזל, וואָס אָט-אָט פאַלט עס אום... און אפשר - דאָס באַרימטע "שטיל לעבן", די דריי הערינג אויפן געלן אָוואַלן טעלער. אַרומגענומען מיט צוויי שפּיציקע גאָפּלען, וואָס אויפן חושכדיקן שוואַרצן טיש מיט די גראָע שאָל - צו קאָפּנס.

זבאָראָווסקי, דער מבין, האָט באַטראַכט די בילדער, אים האָט אַ שלאַג געטאָן אין די אויגן דאָס שאַרף דראַמאַטישע. איי - האָט דער בחור, אין זיינע בילדער, אַ מין אומרויקן אָטעם!... געוואַלד!... עפּעס האָט ער גאָרנישט, זבאָראָווסקי, אַזעלכע בילדער אין זיין גאַלעריע... אָט נעמט מאָדיליאַנין - ער, אַז ער מאָלט געשטאַלטן - זינגען זיי מיט אַ שטילן לירישן ניגון. דער אָ סוטין, אַז באַשירעמט זאָל מען ווערן - ער "שרייט" דאָך טויב צו ווערן... אָט, נעמט טאַקע דאָס "שטיל לעבן" אויפן שוואַרצעניש פון טיש. טוט נאָר אַ קוק דעם פלאַקער פון געלקייט אין אָוואַלן טעלער... נו, און די דריי הערינג דאָרט אין טעלער... זיי גייען דאָך ממש אויס פאַר שרעק... די צוויי שאַרפע גאָפּלען, עפּעס, ווי הענט רוצחישע, אָט-אָט שטעכן זיי דורך די הערינג-לייבער און פּראַווען אַ גזלנישע סעודה... יאָ - דאָ האַלט ביי אַ גרויזאַמער רציחה!

קוקט נאָר - פאַר פּחד איז דאָך בלאַס געוואָרן די שאָל, וואָס צוקאָפּנס די הערינג אין געלן טעלער... ביים אַריינטיפן זיך אין דראַמאַטישן אינהאַלט פון דער שאַפונג, האָט זיך זבאָראָווסקי דער מבין באַרעכנט - אַזאַ דראַמע אויסמאָלן קאָן נאָר אַ מענטש מיט אַן אומרויקער נשמה - געוואַלד! אַ כוואַליע פון אומעט פאַלט אָן אויף אַ צושויער פון סוטינס אַ בילד ... ווער וועט דאָס זיין דער קונה פון אַזאַ בילד ביים סוחר זבאָראָווסקי? ווער וועט זיין דער מבין אויף סוטינס "ליריזם פון חושך"? (ווי ס'וועט אַמאָל פּסקנען

דער פראַנצויזישער פּען-מענטש זשאַן-זשאַק לעוועק), ווי מעג ער, זבאָראָווסקי - אַ סוחר מיט קאָפּ, אַריינגעמען אין זיין גאַלעריע סוטינס בילדער?

איז דאָך די מעשה אָבער אַז מאָדיליאַני פאַרלאַנגט - איז נישטאָ קיין ברירה; ער וועט זיך נישט גיין רייסן מיטן איטאַליענער? - ברוגז ווערן מיט מאָדיליאַני? אין לעבן נישט! הכלל, ער האָט נישט קיין ברירה, ער וועט אַריינעמען אַ פּאָר סוטין-בילדער - אָבער, מיט אַ באַדינג - אין עקסקלוזיוויטעט! ער וויל נישט זען פון סוטינען בילדער אין אַ צווייטער גאַלעריע!... און דערפאַר וועט ער סוטינען געבן אַ חודשלעכע מטבעה. וכך הווה - יעדן חודש האָט סוטין באַקומען פון זבאָראָווסקין אַ מטבעה... געסטייעט האָט זי אויף וואַסער צו דער קאַשע... וואָס האָט געזאָלט זבאָראָווסקי דעם אָרעמען סוטינען שוין דערלאַנגען, אַז די בילדער סוטינס האָבן זיך נישט גערירט פון פלאַץ? קיינער האָט זיי נישט געוואָלט אָנקוקן...

דער מאָלער פּנחס קרעמען דערציילט, אַז זבאָראָווסקי האָט פּאַר אים ממש "געוויינט", וואָס טט מען מיט די זיבעציק בילדער סוטינס? - בשעת מעשה האָט ער אַ שליידער געטאָן אַ בילד צו דער ערד - ווער ס'וואַרפט אויף זיי אַן אויג שאָקלט זיך אָפּ... ער וועט זיי אַראָפּלייגן אין קעלער און זאָלן זיי דאָרט ליגן אין געהאַקטע צרות. אַ שאָד מיט זיי צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער גאַלעריע. נו-מילא, ער וועט וואַרטן אויף אַ נס. אולי ירחם..." און דאָך.

דאָס מבינות האָט דעם פּוילישן סוחר אונטערגערוקט אַ געדאַנק: מאָדיליאַני איז אין תוך גערעכט; סוטין איז אַ בחור מיט אַ בפירושן טאַלאַנט! ווען ער וואָלט אַרויס פון זיין וויסטן חולאת - פונעם אַנגגעסט-און-אומרו, וואָס לאָזט אים נישט לעבן. וואָלט נאָר אַ סוף גענומען צו זיין געפּאַלן געמיט, וואָלט דער קלימאַט פון זיין שאַפונג זיך געטווישט. ווען ער זאָל ענדערן די לאַנדשאַפט, וואָלט אפשר אויך די גייסטיקע לאַנדשאַפט זיינע זיך געטווישט.

נאָך אַ לענגערן יישוב הדעת האָט זבאָראָווסקי באַשלאָסן - ער וועט אַוועקשיקן סוטינען צו די זוניקע מקומות פון דרום-פראַנקרייך – זאָל ער דאָרט לעבן און שאַפן אַ שטיקל צייט. על פּי שכל הישר דאַרף די זון, די הייטערע, פון דרום אויפמונטערן די שטימונג ביים פאַרכמאַרעטן בחור. נישקשה - גאַנץ בקרוב וועט מען הערן פון סוטינען האָפערדיקע גרוסן - גרוסן פון אַ גאָר אַנדערער שעפערישקייט.

הכלל - סוטין איז אַוועק קיין דרום-פראַנקרייך, ער האָט געלעבט און געשאַפן אַ שטיק צייט אין שיינעם באַרגיקן וואַנס, וואָס אין די דרום-אַלפּן, אינעם מאָלערישן שטעטל סערע, וואָס שטעקט אין די זוניקע פּירענייען-בערג, און אויך אין אַ ווינקל ביים מיטללענדישן ים.

אין תוך גענומען איז זבאָראָווסקי געווען טאַקע כשר גערעכט. והראיה - אָט, נעמט די מאָדיליאַני-פּייזאַזשן פון יענע באַרגיקע ערטער אין דרום-פראַנקרייך (1919) - ער האָט זיך דאָס אַביסל, אין די אָ פּיזאַזשן, פאַרביק און ליריש צעזונגען! מילא - מאָדיליאַני, אַז ער טוט זיך אַ נעם, "זינגט" ער אויס אַ בילד! ער האָט אין בלאָ, גראָ און אין אַ שטיל-זיסן ראָזאַ "אויסגעזונגען" צווי פּיזאַזשן פון דרום - זענען זיי אַ לוסטיקער מזמור שיר דער נאַטור! מיט סוטינען, זעט איר, איז שוין די געשיכטע אַביסל אַנדערש... ער, אַז ער מאָלט, "זינגט" ער נישט. ער שרייט - ער יאָמערט אויס אַ דראַמע! מען דאַרף פעסטשטעלן - די דרומדיקע זון-שטראַלן האָבן סוטינען נישט דערוואַרעמט, נישט אויפגעהייטערט זיין געמיט - פאַרקערט, די שאַרפע זון האָט אים נאָך מער צערייצט און צערודערט.

יאָ - ווי זאָגט אונדזער קלוגער היינריך היינע? "דער פּאָעט, דער נאָכשאַפער, ער איז ענלעך צום ליבן גאָט מיט דעם, וואָס ער באַשאַפט זיינע מענטשן נאָך זיין אייגענעם געשטאַלט".

טשיקאַווע ביז גאָר - אין יעדן בילד פון חיים סוטין, דעם "ליריקער פון חושך", זאָל עס זיין אַ פּאָרטרעט, אַ שטיל-לעבן, אַ פּיזאַזש, פילט מען - ער איז "מודה", סוטין, אַז ס'האַלט... ביי אַן "אויטאָפּאָרטרעט"... ער טוט דאָך אין יעדן אָביעקט זיינעם "באַשאַפן" אַן אומגליקלעך מענטשלעך וועזן... עפּעס טוט ער מיטרייסן זיין וועלט, חיים סוטין, אומעטום, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען. אייביק און אומעטום איז ער "מודה", אַז אין אים ברענט אַ פייער!...

ער איז אַ שוואַרצזעער נישט איבערצומאַכן... אים שטייט כסדר פאַר די אויגן דער חלף פון שוחט, וואָס האָט אַוועקגעממתט דעם האָן פון זיין פריער קינדהייט... ובכן, ווי נאָר ס'האָט אַ בלענד געטאָן אין סוטינס אויגן די ליכטיקע דרום-זון האָט ער זיך גלייך אַ טרייסל געטאָן; און זיין פּסיכיש גלייכגעוויכט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. די שאַרף פון שטראַלן האָט זיין געמיט געשטאָכן און צערודערט, אַזוי ווי דער בליאַסק, דער שאַרפער, פון שוחטס חלף, האָט אים קינדווייז אַ בלענד געטאָן, און אויפן גאַנצן לעבן אַרויס שוין צערודערט...

ביים אַריינקוקן אין די בילדער סוטינס פון זוניקן דרום-פראַנקרייך, באַטראַכט מען זיינע פּייזאַזשן מיט די כאַאָטישע פלאַכן און צעפּאָרענע פאָרמען, דאָס אַוועקגעהרגעטע געפליגל פון די טרויעריקע "שטיל-לעבנס" די שטיקער פליישן רויטע, אָדער גאָר זיינע בלומען אין די וואַזאָנען - די פאַרמאָגן דאָך נישט קיין סימן פון לעבנסזאַפט, דעם מינדסטן אַראָמאַט פון לעבנספרייד. סוטין טוט, אָן אַ צאַפל, ממתן זיינע בלומען, ווי ער ממתת די בעלי-חי אין זיינע "שטיל-לעבנס"... "לייענענדיק" אַזוי די דאָזיקע מאָלעריי פון חיים סוטין, פילט מען אַ ביטערניש... זיינע בילדער "דערציילן" דאָס ביטערניש פון אַ טראַגישן גורל...

די אָ טראַגיש-מאָלערישע שירה פון חיים סוטין - זי קלינגט, ווי די טרויעריקע שירה פון פּאָעט: "...אַ ליכט, אַ קנויטלאָזע, אין לייכטער פון דער נאַכט. / אויף מיין גורל ווי אויף אַ תליה איך הענג." שטעלט זיך די פראַגע - פון וואָס ווערט זי געשפּייזט, די אָ מאָלערישע שירה פון דעם גאונישן סוטין? יאָ, דאָס האָט דער אַנגסט פון יידישן שטעטל געלייגט אַ סטעמפּל אויף דער פילבאַרער נשמה פון קינסטלער - דער אייביקער אַנגסט האָט באַפרוכפּערט דעם קוואַל פון זיין מאָלעריי. רייסט ער, חיים סוטין, קריעה אויף זיין אומגליק, ער שיט אַש אויף זיין קאָפּ...

און דאָך! פאַראַן אַ שטיקל פּעולה אין סוטינס משנה מקום, ווייל די קאָלאָריסטישע פּאָטענץ זיינע האָט זיך דאָרט ביז גאָר צעבליצט, די פאַרבן-פּאַלעטע האָט זיך שטאַרק צעהייטערט. און אַז די זון פון דרום-פראַנקרייך האָט אַ שלאָג געטאָן אין סוטינס פּנים, ווי נאָר זי האָט מיט איר שאַרף אים פאַרבלענדט דעם בליק, זיין געמיט פאַרשטויסן אין אַ בהלה - האָט זיין אומרויקע נשמה, ווי אַ ווולקאַן, גענומען שליידערן אויפן לייוונט דראַמאַטישע וויזיעס אין ווונדערלעכע קאָלירן, באַשאַפן אַ פלאַקער פון פאַרבן, וואָס האָבן זיך צעגאָסן, ווי אַ לאַווע אין רווישיקע פלוסן! דאָס האָט סוטין אַזוי "אָפּגעשאָקלט" פון זיך דעם פּחד, וואָס די זון, די הייסע, האָט אויף אים אָנגעטראָגן...

מילא, דאָס זיצן אין זון-הייטערן דרום איז פאַר דעם פּסיכיש-קאָמפּליצירטן סוטין געווען אַן אָפּקומעניש. אָט, שרייבט ער אין אַ בריוו צו זבאָראָווסקין: "...כ'בין אין אַ שווערן מאָראַלישן מצב - דעמאָראַליזירט. כ'קאָן נישט אַרבעטן... כ'פאַרטראָג נישט

משה שקליאַר

# אברהם קאַרפּינאָוויטש און זיינע העלדן

## צו זיין ערשטן יאָרצייט

אברהם קאַרפּינאָוויטשעס פאָטער, משה קאַרפּינאָוויטש, איז געווען אַ באַוווסטער טעאַטער-אימפּרעסאַריאָ אין ווילנע. ער פלעגט אַ סך אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיט יידישע טעאַטער-טרופּעס, און ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אין דער היים איז אָפט צוגעקומען אַ קינד אין דער משפּחה. דערציילט מען וועגן אים, אַז ווען ער פלעגט זיך צוריקקערן אַהיים פון אַ לאַנגער רייזע, האָט ער די קינדער נישט דערקענט, און ער פלעגט פרעגן ביים ווייב: "און ווער איז דאָס?" צי איז דאָס אמת, ווייס איך נישט, איך האָב אָבער שפּעטער, אין יאָרן אַרום, געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט צוויי פון אָט די "נישט דערקענטע" קינדער.

געווען איז עס אין דער נידערשלעזישער שטאָט וראָצלאַוו, נישט לאַנג נאָכן סוף פון דער מלחמה, ווען דאָרט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט טויזנטער יידן פון דער שארית הפליטה, געראַטעוועטע פון די היטלעריסטישע טויט-לאַגערן און צוריק געקומענע פון סאָוועטן-פאַרבאַנד. טייל האָבן זיך דאָ פאַרהאַלטן בלויז אויף אַ ווייל, כדי פאָרן ווייטער, וואָס גיכער פאַרלאָזן די מיט יידיש בלוט דורכגעווייקטע פּוילישע ערד, וואָס האָט געברענט אונטער די פיס, אַנדערע האָבן געהאַט באַשלאָסן דאָ בלייבן, צוריק אויפשטעלן משפּחות און אָנהייבן אַ ניי לעבן.

דערווייל האָט דאָ געקרישט ווי אין אַ בינשטאָק. אַרום יידישן קאָמיטעט, וואָס האָט פאַרנומען אַ גרויס הויז אויף דער וולאָדקאָוויץ-גאַס, איז שטענדיק געווען פול, יידן זענען געקומען און געגאַנגען, אַ סך האָבן זיך פאַרהאַלטן און דיסקוטירט וועגן ➤

---

דעם דאָיקן פּיזאַזש (ער געפינט זיך דאַן אין קאַני ביים ים). כ'בין אַוועק אין אַ צווייטן מקום און אויך דאָרט בין איך אויף צרות. כ'האָב פאַרשמירט די אָנגעהויבענע בילדער... עטלעכע מאָל שוין האָב איך געוואָלט צוריקפאָרן קיין פּאַריז".

זבאָראָווסקי האָט זיך אויף סוטינען מרחם געווען, אים געברענגט צוריק קיין פּאַריז (אין 1922) מיט אַ קיימע-לן פון אַריבער צוויי הונדערט מייסטערווערק, אַ פאַרביק-בליציקע מוזיק פון שטורעם ליגט אויסגעגאָסן אויף יעדן בילד! אין יענע יאָרן האָט מען אָבער אויף זיי נישט געוואָלט קוקן... זבאָראָווסקי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער. איז דאָך די מעשה - אַז אין יאָר 1920, אויף אַ בעטל אין שפּיטאָל אין פּאַריז, ערב זיין אַוועקגיין פון דער וועלט, זענען די לעצטע ווערטער פון מאָדיליאַני געווען: "...זבאָראָווסקי, זאָרג נישט... כ'לאָז דיר איבער סוטינען... ער איז דער גאון התקופה!"

איז געדרונגען, אַז מ'דאַרף וואַרטן אויף אַ נס...

און גאָט האָט געהאָלפן, ס'איז געשען אַ נס! און טאַקע גלייך נאָך סוטינס צוריק קומען קיין פּאַריז, פון היינט-אויף-מאָרגן, איבער דער נאַכט, איז חיים סוטין געוואָרן אַ נאָמען! קאָלעקציאָנערן האָבן גענומען זיך נאַכפרעגן אויף סוטינס בילדער און צאָלן פרייזן!... זבאָראָווסקי איז געוואָרן אויפגעריכט!

נו - און חיים סוטין? וועט איר פרעגן. חיים סוטין איז געבליבן דער זעלבער סוטין, נאָר בלויז אַנדערש באַשלייערט... באַשלייערט, ווי אַן עושר... אין שיינע, זיידענע העמדער און מיט אַ צעפּליקטער נשמה - נעבעך...

וועלט-פּראָבלעמען, וועגן נעכטן, היינט און מאָרגן, און דער עיקר - יאָ פּאָרן אָדער נישט פּאָרן... צווישן אָט דעם עולם האָט זיך אויסגעטיילט אַ יונגערמאַן פון נידעריקן וווקס מיט אַ שאַרפן בליק און נאָך שאַרפערער נאָז. אַ נאָר וואָס דעמאָביליזירטער פון דער פּוילישער אַרמיי, האָט ער נאָך געטראָגן דעם מיליטערישן מונדיר, און אין די טיפע טאַשן האָט ער געהאַט פולע בינטן מיט שליסלען. אַז עמיצן איז צוגעטיילט געוואָרן דורך דעם יידישן קאָמיטעט אַ דירה, וואָס איז געהאַט אויסגעליידיקט געוואָרן פון די פאַרטריבענע דייטשן, האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו אים נאָך אַ שליסל. ער איז געווען דער דירות-אַדמיניסטראַטאָר, און זיין נאָמען איז געווען - דוד קאַרפּינאָוויטש.

מיר האָט ער קיין שליסל נישט געגעבן. איך האָב זיך אַפילו דעמאָלט נישט באַקענט מיט אים. באַקענט האָב איך זיך מיט דוד קאַרפּינאָוויטשן אַ סך שפּעטער. אין צווישן צייט האָט ער שוין באַוויזן צו אַרבעטן אין דער וואַרשעווער צענזור, און שפּעטער אָנגעפירט מיט דער יידישער ראַדיאָ-אוידיציע פאַר אויסלאַנד.

געקומען אַרבעטן אין אונדזער רעדאַקציע, האָבן מיר זיך גיך באַפריינדט מיט אים, און היות מיר האָבן געוווינט בשכנות אין איין הויז, וואָס איז געווען גאַנץ ווייט פון רעדאַקציע, אויף דער צווייטער זייט פון דער ווייסל, און ביידע האָבן מיר ליב געהאַט צו שפּאַצירן און אָבסערווירן ווי די שטאָט וואַקסט אַרויס פון די חורבות. פלעגן מיר אָפט גיין צו פוס אַהיים צוזאַמען.

מאַכט זיך, אַז דוד קאַרפּינאָוויטש איז געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ישראל, וואָס איז דעמאָלט נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, מען האָט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט. ווען ער איז צוריק געקומען און מיר זענען איין מאָל געגאַנגען, ווי געוויינטלעך, אַהיים פון דער אַרבעט, נעמט ער אַרויס פון טאַש אַ צונויפגעלייגטע צייטונג און באַוויזט מיר, זאָגנדיק: "דו זעסט, דאָ איז אָפּגעדרוקט מיין ברודערס אַ דערציילונג - "די מאַמע איז געגאַנגען ספּאָנדזשע מאַכן". און באַלד דערקלערט ער מיר מיט אויפגעלויכטענע פייערלעך אין די שאַרפע אויגן: "ספּאָנדזשע מאַכן באַטייט אויפראַמען אין אַ פרעמדער דירה". דעמאָלט האָב איך אויך דערהערט צום ערשטן מאָל דעם נאָמען פונעם ברודער - אברהם קאַרפּינאָוויטש.

* * *

אַזוי אַרום איז אברהם קאַרפּינאָוויטש געווען פאַר מיר דער צווייטער פון די "נישט דערקענטע" קינדער פונעם ווילנער טעאַטער-אימפּרעסאַריאָ. באַגעגנט האָב איך אים אַ סך שפּעטער, אין יאָרן אַרום, ווען ער איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין לאָס-אַנדזשעלעס און מיר האָבן זיך געטראָפן אין הויז פונעם דעמאָלטיקן פאָרזיצער פון אונדזער קולטור-קלוב, משה כהן. איך האָב אים דערמאָנט וועגן דער ערשטער דערציילונג זיינער, וואָס זיין ברודער, דוד, האָט מיר געגעבן צו לייענען, און מיר האָבן צווישן אַנדערע פּראָבלעמען אויך געשמועסט וועגן דער "אינסטיטוציע" פון "ספּאָנדזשע מאַכן", וואָס איז אַ טייל פון דער ישראלדיקער שטייגערישער פּאַנאָראַמע.

און היות איך האָב שוין געקענט אברהם קאַרפּינאָוויטשן "פון דער נאָענט און פון דער ווייט", פלעג איך מיט אינטערעס נאָכפאָלגן זיין ליטעראַרישן שאַפונגס-וועג, ווי אויך זיין אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ווי אַ מיטגליד פונעם וועלט-ראַט פאַר יידישער קולטור און לעקטאָר אויף פאַרשיידענע יידיש-סעמינאַרן, באַזונדערס אין די שטעט פונעם אַמאָליקן סאָוועטן-פאַרבאַנד.

קיין ישראל איז ער געקומען אין 1949 יאָר, און דאָ איז ער געוואָרן, אפר בירושה, ניין, נישט קיין אימפּרעסאַריאָ, נאָר אַדמיניסטראַטיווער פאַרוואַלטער פון דער באַרימטער

ישראלדיקער פילהאַרמאָניע. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער שרייבער-גרופּע "יונג ישראל", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ צווייטן ווילנער, דעם גרויסן יידישן דיכטער אברהם סוצקעווער. ער האָט גיך געצויגן אויף זיך דעם אויפמערק מיט זיינע דערציילונגען, און וועלכע עס דאָמינירט זיין היימשטאָט ווילנע – "ירושלים דליטע", הגם ער האָט אויך געשריבן נישט ווייניק אויף ישראלדיקער טעמאַטיק. אָבער נישט בלויז דאָס – אויף דער קאַנווע פון דער שטאָט, פון אירע יידישע גאַסן און געסלעך, פון אירע זאַווולקעס און הינטערגאַסן מאָלט ער מיט דער סובטעלער האַנט פון אַ געניטן קינסטלער אָן אַ שיעור געשטאַלטן און פּאַרשוינען פון יידישן ווילנע, מיט זייער אייגנאַרטיקן לשון און תנועות, און זיי אַלעמען שילדערט ער מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער ליבשאַפט, אַלע זענען זיי אים צוגלייך אייגן און טייער. דו פילסט עס אַרויס נישט נאָר פון יעדער שורה אין קאַרפּינאָוויטשעס פּראָזע, נאָר אויך פון די צווישנשורות. אָפט דאַכט זיך דיר, אַז דו זעסט זיי אַלעמען ווי לעבעדיקע פאַר די אויגן, אַט אַזוי ווי דער שרייבער האָט זיי געזען און פאַראייביקט אין זיין שאַפן.

ווי האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט אברהם קאַרפּינאָוויטש אין אַ שמועס מיט דעם דיכטער און עסייאיסט יעקב צבי שאַרגעל: "וואָס שייך מיר, זענען כמעט אַלע העלדן, אָדער אַנטי-העלדן פון מיינע דערציילונגען... געגאַנגען איין איינציקן וועג – קיין פּאָנאַר... און זיי לאָזן מיך נישט אָפּ. זיי זענען מיט מיר ביי טאָג און ביי נאַכט. און איך בין מיט זיי, לעב מיט זיי, און זיי לעבן אין מיר".

אוודאי איז אברהם קאַרפּינאָוויטש נישט דער איינציקער שרייבער, וואָס האָט מיט ליבשאַפט פאַראייביקט דאָס יידישע ווילנע מיט אירע פּאַרשוינען אין זיינע זאַפטיקע דערציילונגען. עס האָבן עס געטאָן פריער פון אים, צוזאַמען מיט אים און נאָך אים אַ צאָל אַנדערע שרייבערס, כאָטשבי דערמאָנען דעם קדוש משה קולבאַק, אָבער קודם כל די "יונג ווילנער" – חיים גראַדע אין זיינע מאָנומענטאַלע רעאַליסטישע ראָמאַנען און אין זיינע פּאָעמעס; אברהם סוצקעווער אין זיינע לידער, פּאָעמעס און פאַנטאַסטישע דערציילונגען, וואָס האָבן אומגעהייער באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור; אלחנן וואָגלער מיט זיין וווּנדערלעכער ליריק, און אַ ריי אַנדערע. אברהם קאַרפּינאָוויטש טיילט זיך אָבער אויס פון זיי מיט דעם אָפּקלייב פון זיינע פּאַרשוינען. נישט די וועלט פון די גאונים און יוסטע באַלעבאַטים, די וועלט פון קולטור אין אַלע אירע פאָרמען און זשאַנרען, פון די ישיבות און יידישן שולוועזן, וואָס האָבן באַרימט געמאַכט ווילנע איבער דער גאַנצער יידיש-וועלט און אויך אויסער איר – שילדערט ער אין זיינע פּילצאָליקע קרעפטיקע דערציילונגען, הגם דאָ און דאָרט איז פאַראַן וועגן איר אַ דערמאָנונג. גאָר אַן אַנדער וועלט ברענגט ער אַרויס אין זיינע ווערק. ער לאָזט זיך אַראָפּ, ווי אַמאָל מאַקסים גאָרקי אין זיין דראַמע "נאַ דניע" (אויפן דעק) צו די סאַמע אונטערשטע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, די אַזוי גערופענע אונטערוועלט און, געפינענדיק דאָרטן שפּראָצן פון עכטער, ריינער מענטשלעכקייט, פאַרגאַנצט ער דאָס בילד פון יידישן ווילנע, און אַזוי אַרום פון יידישן שטייגער-לעבן בכלל. ווייל הגם זיינע העלדן, אַזעלכע ווי "מאָטקע דער קייסערל", צאַלקע דער פרייער", אָדער "לייקע די שוואַרצע" זענען מיט זייערע האַנדלונגען און ספּעציפישן לשון כאַראַקטעריסטיש פאַר ווילנע, טרעפן מיר זיי אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן און רוסלאַנד, אָנהייבנדיק פון באַבעלס אָדעס ביז אפרים קאַגאַנאָווסקיס וואַרשעווער סטאַווקע געסל און ישראל ראַבאָנס לאָדזשער באַלוט.

קאַרפּינאָוויטשעס דערציילונגען זענען באַהויכט מיט טיפן ליריזם און נאָסטאַלגיע

נאָך אַ פאַרשווונדענער וועלט, אָבער גלייכצייטיק איז פאַרוועבט אין זיי אַ דינער הומאָר, אַ מין שלום עליכמישער געלעכטער דורך טרערן. נעמט, למשל, אַזאַ דערציילונג ווי "ווילנע אָן ווילנע"... וואָס קאָן זיין נאָך מער טראַגיש, ווי ווילנע אָן ווילנע... דאָס הייסט ווילנע אָן יידן, ירושלים דליטע אָן יידן! און דאָך...

...קומט אַ ייד פון קאַנאַדע, אַ געוועזענער מאַרעוויכער, וועלכער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע, אויף אַ באַזוך אין זיין היימשטאָט, ער שטייט אויפן ראָג גיטקע-טויבעס זאַווליק און דערמאָנט די אַמאָליקע ווילנע. ער דערמאָנט און דערציילט: "אין ווילנע האָט מען נאָך געדענקט ווי ספּאָקאָיני דער מוהל האָט נישט געוואָלט מאַכן עלינקעס ברית, ווייל מ'האָט נישט געוווסט דעם טאַטנס נאָמען. וואָס זשע טוט די מאַמע (לייקע די שוואַרצע)? זי האָט זיך דעמאָלט געהאַט איינגעשפּאַרט, (נישט מער און נישט וויניקער נאָר) אַז "דער טאַטע איז אליהו הנביא, ווייל ער איז אַוועק און זיך מער נית געוויזן"...

און ווייטער דערמאָנט ער, איצקע דער האָז: ""ס'שטייט מיר פאַר די אויגן דער אַריינגאַנג צו וועלפקעס רעסטאָראַן. אויף די טרעפּלעך איז אין אַ זוניקן טאָג געזעסן אַוורעמקע דער אַנאַרכיסט און פאַר אַלעמען געהאַט אַ וואָרט, דער עיקר האָט ער נישט דורכגעלאָזט אַ מיידל, אַ ווייבל. איך בין אָקערשט אַרויס פון אשרקעס קנייפּע און האָב אַלץ געזען. כ'האָב געזען ווי דורקע דער פּעווץ איז אונטערגעקומען פון אַ זייט און אַוורעמקען אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אונטערן האַרץ. אַוורעמקע האָט נאָך באַוויזן זיך אויפצושטעלן, אַ כאַפּ טאָן דודקען פאַר דער האַנט און אויסרופן:

– "דודקע, אויך דו..."

פאַר זיך אַליין איז עס אַ געוויינלעכע געשיכטע, וואָס וואָלט געוועזן באַנאַל אָן דער אויפלייזונג: איצקע דער האָז דערציילט ווי זיין ווייב האָט אים אין קאַנאַדע געהאַט אַוועקגעפירט אין טעאַטער, ווו מען האָט געשפּילט יוליוס צעזאַר פון שעקספּיר. "אויף וויפל מיין ענגליש האָט מיר געדינט – דערציילט ער – האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ווען די סענאַטאָרן זענען באַפאַלן צעזאַרן פון אַלע זייטן, ווי ריכטיקע אונטערוועלטניקעס, האָט יענער אויסגערופן די זעלביקע ווערטער צו זיין פריינד, דעם סענאַטאָר ברוטוס, וואָס האָט אים פאַררוקט אַ מעסער גלייך מיט אַלעמען".

שטייט ער דאָרט, איצקע דער האָז, ווו ס'איז אַמאָל געווען גיטקע-טויבעס זאַווליק, דערמאָנט די אַלטע צייטן, און וויינט. אַ מיידעלע וויל אים דערלאַנגען אַ קאָלירִיק צוקערל, ער וויל אַ שמייכל טאָן, אָבער ער קאָן נישט. נישט אַלע מאָל קאָן געלעכטער דורכרייסן די טרערן. און כאָטש די דערציילונג, ווי פיל אַנדערע קאַרפּינאָוויטשעס דערציילונגען, איז פול מיט הומאָר, איז זי נאָך מער אויפטרייסלענדיק.

* * *

פונקט ווי די מערסטע קאַרפּינאָוויטשעס העלדן און אַנטי-העלדן זענען געגאַנגען זייער אייציקן וועג – קיין פּאָנאַר, זענען אויך אַלע אַנדערע העלדן פון יידישע ווערק, גאַנצע יידישע קהילות געגאַנגען זייער איינציקן וועג – קיין אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע, באַבי יאַר און צענדליקער אַנדערע אומקום-פלעצער, ווו ס'האָט זיי פאַרשלונגען דער רויך פון די נאַצישע קרעמאַטאָריעס.

זיי אַלעמען האָט דער שרייבער אברהם קאַרפּינאָוויטש אויפגעלעבט אין זיינע ווערק, אויפשטעלנדיק זיי אַ ווירדיקן מאָנומענט. און דערפאַר וועלן מיר אים שטענדיק געדענקען, ווי מיר וועלן געדענקען די יידישע ווילנע, מיט וועלכער זיין נאָמען איז אַזוי ענג צונויפגעבונדן.

גרוניאַ סלוצקי-קאַהן / מאָנטרעאָל

# דאָס פידעלע און דער באַראַבאַן

אַ קליין פידעלע האָט מיט שרעק
געקוקט אויפן באַראַבאַן.
ווי גרויס ער איז, ווי דיק, אַ שרעק,
און אַ טומל מאַכט ער,
מען קען טויב ווערן,
עס דערגייט אַפילו אין הימל צו די שטערן.

דער באַראַבאַן האָט דאָס קליינע פידעלע
באַטראַכט און זיך צעלאַכט:
"וואָס פישטשעט עס, דאָס פידעלע,
אַ שוואַך שטימעלע, ווי ביי אַ מענטש,
וואָס האַלט ביים שטאַרבן,
זע נאָר די פאַרבן: טונקל, ברוין.
איך בלישטשע ווי גאָלד,
איך וועק אויף אַפילו אַ טויטן,
דעם גאַנצן אָרקעסטער טו
איך באַגלייטן,
מיט מיינע גאָלדענע טאַצן,
אַלע שונאים פון אייפערזוכט פּלאַצן.
איך בין דער באַראַבאַן,
ניט אַבי ווער, אַ חשובער מאַן".

דאָס פידעלע האָט זיך באַהאַלטן.
ניט געוואָלט זיך אָמפּערן
מיטן באַראַבאַן.
אַ גראָבער יונג, אַ פּראָסטער מאַן,
קען דען אָפּשאַצן אַ פידעלע
דער באַראַבאַן?

אלי ביידער / ירושלים

# *פון ציקל: אַזוי איז דער מענטש*

**ווי אַזוי דערגרייכט מען מאַכט?**

דאָס איז אַ כלל נאָך פון אַמאָל:
מיט עלנבויגנס ווי פון שטאָל
און צוגעשמירט מיט פוטער -
אַזוי ס'איז היינט, ווי אַלע מאָל.

**גענוג**

גענוג דעם מענטשן צוויי יאָר איז
זיך אויסצולערנען קענען רעדן.
און זעכציק יאָר נאָך ווייניק איז
צו שוויגן כדי בלייבן לעבן.

**פרעגט ביי מענטשן**

פרעגט ביי מענטשן, וועט איר הערן,
אַז ביי זיי איז אַלץ צו ווייניק,
אָבער שכל – אָט דאָס רייכטום –
פעלט ביי קיינעם.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **משה דוד חייט:** "אָפּגעהאַקטע ביימער", דערציילונגען און פֿאַרצייכענונגען, 240 זז', פֿאַרלאַג "צור אות", ירושלים 2002. אין זיין "אַפּרוף" אויפֿן בוך באַמערקט דער באַוווּסטער שרייבער און היסטאָריקער העשיל קלעפּפֿיש ז"ל: משה דוד חייט שילדערט דעם וווּנדער פֿון פֿונאַנדערבלי און דעם שוידער פֿון צעשטער. און ווייל ער איז באַשאָנקען מיט אַ קינסטלעריש אויג, און זיינע שילדערונגען רירן אָן די טיפֿסטע סטרונעס פֿון האַרץ, זיינען די "אָפּגעהאַקטע ביימער" אַן אַריינדרינגענדיקער אַריינבליק אין דער יידישער וועלט, וואָס איז געווען און וואָס איז, צו אונדזער שאַרפֿן ווייטיק, אונטערגעגאַנגען".

* **משה דוד חייט:** "מיט אַ שמייכל", הומאָרעסקעס און משלים, 188 זז', ה. לייוויק-פֿאַרלאַג, תל-אביב 2003.

* **יוסף גוברין (גורביץ):** "אין שאָטן פֿון אומקום", זכרונות פֿון טראַנסניסטריע און דער עליה קיין ארץ ישראל, 144 זז', י.ל. פּרץ-פֿאַרלאַג, תל-אביב 2002. יוסף גוברין איז געווען אַ לאַנג יאָריקער מיטאַרבעטער פֿון ישראלדיקן אויסערן-מיניסטעריום, אַמבאַסאַדאָר אין פֿאַרשיידענע לענדער. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן און ביכער, און אין 1991 באַקומען דעם פּרס הממשלה. דאָס איצטיקע בוך דערציילט וועגן דעם מחברס קינדהייט אין גלות-טראַנסניסטריע, אין מאָגילאָווער געטאָ, און וועגן דער עליה קיין ישראל. עס איז אַ פּערזענלעכע עדותשאַפֿט ווי אַ ייִנגל האָט געקעמפֿט פֿאַרן לעבן אין שאָטן פֿון אומקום, געשריבן אויפֿן פֿאָן פֿון היסטאָרישע געשעענישן.

* גרוניאַ סלוצקי-קאָהן: "אַ שטראַל פֿון האָפֿן", לידער, הומאָר און סאַטירע, 164 זז', מאָנטרעאָל 2004. עס איז אַ זאַמלונג פֿון האַרציקע פֿאָלקסטימלעכע לידער אויף היינטצייטיקע טעמעס, געווידמעט יידישע יום-טובים, דער נאַטור, מדינת ישראל און דער יידישער מאַמען. אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמען גרוניעס משלים, וואָס קומען אַריין אין דער רובריק "הומאָר און סאַטירע".

* "יידיש? יידיש!", פּראָטאָקאָלן פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן סימפּאָזיום אָרגאַניזירט דורכן יידישן קונסט-און געשיכטע-מוזיי פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק און מוזיי אין חודש יוני 2000. אַרויסגעגעבן דורך דער מעדעם-ביבליאָטעק, פּאַריז 2004. אינעם דיקן באַנד - 144 זז' אין יידישן אָריגינאַל און 244 זז' איבערזעצונגען אין פֿראַנצויזיש, וואָס נעמען אויך אַריין לידער פֿון היינטצייטיקע יידישע דיכטער - ווערן געבראַכט די טעקסטן פֿון רעפֿעראַטן, וועלכע נעמען אַרום אַ ברייטן פֿעכער פֿון יידיש-פּראָבלעמאַטיק. אין סימפּאָזיום האָבן זיך באַטייליקט שרייבער, פֿאָרשער, לערער, מוזיק–און טעאַטער-טוער פֿון פֿראַנקרייך. אַמעריקע, ענגלאַנד רוסלאַנד, ליטע און דייטשלאַנד. אַלע רעפֿעראַטן זענען אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן ניוואָ און גיבן אַן אַריינבליק אינעם מצב פֿון יידיש – היינט און מאָרגן.

* **"יידישע העפֿטן"** נומ' 91, פּאַריז, פֿעברואַר 2005. רעדאַקציע-קאָמיטעט: **העניי בולאַווקאָ, קלאָד האַמפּעל, מרדכי לערמאַן, מילכה שולשטיין און שאַרל זאַבוסקי.**

* "לעבנס-פֿראַגן", סאָציאַליסטישע חודש-שריפֿט פֿאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפֿט און קולטור, ישראל, יאַנואַר-פֿעברואַר 2005. רעדאַקטאָר: **יצחק לודען.**

* "די צוקונפֿט", אַרויסגעגעבן דורכן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, ניו-יאָרק אָקטאָבער 2004. רעדאַקטאָר: **איציק גאָטעסמאַן.** ◄—

# כראָניק פון יידישן קולטור-קלוב אין לאָס-אַנדזשעלעס

## ווינטער-פריליג: 2004–2005

* מוצאי שבת דעם 9-טן אָקטאָבער, אָנבייב פון נייעם קלטור-סעזאָן, פּאַראייניקט מיט דער דערעפענונג פונעם יידיש-פעסטיוואַל, אָרגאַניזירט דורך "יידישקייט ל"אַ". נאָך דעם אַריינפיר-וואָרט פון דער קלוב-פאָרזיצערין, לילקע מייזנער, איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון מוזיק, ליד און רעציטאַציע פון שאַפונגען פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, שרייבער און דיכטער, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן אין לאָס-אַנדזשעלעס. (דער גאַנצער פעסטיוואַל, וואָס האָט געדויערט אַ וואָך צייט און געהאַט טויזנטער באַזוכער, איז אַדורך אונטערן צייכן פון "דער פאַרבאָרגענער געשיכטע פון יידיש אין לאָס-אַנדזשעלעס".

אינעם קאָנצערט איז אויפגעטראָטן די באַוווסטע זינגערין **ליזאַ וואַנעמייקער**, וועלכע האָט אויסגעפילט צ"אַ שאַפונגען פון די קאָמפּאָזיטאָרן **מאַקס העלפמאַן**, **יעקב שייפער** און **יוסף שראָגין**. לידער און פּראָזע-שאַפונגען פון **פרץ הירשביין**, **חיים שוואַרץ**, **חבר פּאַווער** און **מלכה טוזמאַן** האָבן פאָרגעלייענט **הערשל סלוצקי**, **סאַבעל בענדער**, **מרים באַכראַך**, **שיינדל ליבערמאַן** און **סימאַ טשעסניק**. **מרים קאָראַל** האָט פאָרגעלייענט אירס אַן אייגן ליד, ווי אויך אַ ליד פון דער אַפּוועזעדיקער דיכטערין **שרה מאָסקאָוויטש**. צום סוף האָט פאַרגעלייענט אַ ליד דער דיכטער **משה שקליאַר**. דער ביז גאָר אינטערסאַנטער אָוונט, וואָס האָט צונויפגעבראַכט אַ גרויסן עולם יונג און אַלט, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ רוף פון **אהרן פּיילי**, דעם אָנפירער פון "יידישקייט ל"א" און אָרגאַניזאַטאָר פונעם פעסטיוואַל צו באַטייליקן זיך מאַסנווייז אין די יידיש-אַקטיוויטעטן אין שטאָט.

* זונטיק דעם 24-סטן אָקטאָבער 2 נ"מ האָבן מיר אָפּגעמערקט דעם 50-טן יאָרצייט פון גרויסן יידישן שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו. **לילקע מייזנער** האָט גערעדט וועגן אָפּאַטאָשוס לעבן און שאַפן, און דעם שרייבערס איניקל, אַ יידיש-אַקטיוויסט אין ל"א, **דן אָפּאַטאָשו** האָט זיך געטיילט מיט זיכרונות פונעם זיידנס שטוב. דעם מוזיקאַלישן טייל האָט אויסגעפילט די פּיאַניסטין **דאַיאַנאַ וואָלמאַן**.

* זונטיק דעם 14-טן נאָוועמבער 2 נ"מ - **יעקב באַסנער** וועגן לעבן און שאַפן פון גרויסן יידישן שרייבער דוד בערגעלסאָן. י. באַסנער האָט אויך פאָרגעלייענט פון בערגעלסאָנס פּראָזע. נאָך דעם איז געווען אַ מוזיקאַלישער פּראָגראַם.

* זונטיק דעם 19-טן דעצעמבער 2 נ"מ, לעקציע פון פּראָפ. **מאַרווין צוקערמאַן** אד"ט "קאַפּיטאַליזם מיט אַ מענטשלעך פּנים". **אַלאַ און סעם קאָנווייזער** - אין קאָנצערט. ◄

---

* **"אונדזער צייט"**, אָרגאַן פון קאָאָרדינירקאָמיטעט פון בונד, ניו-יאָרק, יולי-סעפּטעמבער 2004, רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* **"יוגנטרוף"**, אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט-זשורנאַל, ניו-יאָרק, אויגוסט 2004, שעף-רעדאַקטאָר: **לאה ראָבינסאָן**. מיטרעדאַקטאָרן: **הערשל גלעזער**, **שבע צוקער**.

* **"דער אָנהייב"** נומ' 33, 2004, מיאַמי ביטש, פלאָרידע. רעדאַקטאָר: **אַלעק סילווער**.

* **"צום פּונקט"**, יידיש פון גרויס-וואַשינגטאָן, יאַנואַר-פעברואַר 2005. צווייִשפּראַכיקער בולעטין. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **מאַרק האַרצמאַן**, רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּירא**

* זונטיק דעם 2-טן יאַנואַר 2 נ"מ, קאָנצערט פון באַוווסטן חזן און אינטערפּרעטאַטאָר פון יידישע פֿאָלקס-לידער, **הערשל פֿאַקס**.

* זונטיק דעם 23-סטן יאַנואַר 2 נ"מ, לעקציע פונעם לערער און "יוגנטרוף"-טוער **פסח מאַלעוויטש** אד"ט: "יידישע יזכור-ביכער און זייער היסטאָרישער באַטייט".

* זונטיק דעם 6-טן פעברואַר 2 נ"מ, דער באַליבטער אַקטיאָר **יעקב לעווין** אין אַן אייגענער אינסטצעניזאַציע פון אַ שלום עליכם פּראָגראַם א"נ "אַן אינטערוויו מיט מנחם מענדלס ווייב שיינע שיינדל". יעקב לעווין האָט אויסגעצייכנט אַרויסגעבראַכט שלום עליכמס געשטאַלטן.

* זונטיק דעם 20-סטן פעברואַר 2 נ"מ, פּראָגראַם געווידעמיט דעם גרויסן יידישן דיכטער מאַני לייב. **בבאַ לעווענטאַל** האָט גערעדט און פֿאָרגעלייענט פון **מאַני לייבס** שאַפונגען, **יעקב לעווין** האָט רעציטירט אַ ליד פונעם דיכטער, און **עריק גאָרדאָן** האָט געזונגען אייניקע יידישע לידער, ביי דער קלאַוויר-באַגלייטונג פון **רות יודקעוויטש**.

* מוצאי שבת דעם 12-טן מערץ, קאָנצערט, לידער פון קאַמף און ווידערשטאַנד, אויסגעפירט דורך ד"ר **קאַהן** און אַ גרופּע יונגע זינגער. דער אָוונט, אָנגעפירט דורך **הערשל האַרטמאַן**, איז פֿאָרגעקומען אין די ראַמען פונעם סעמינאַר פון "אינטערנאַציאָנלן אינסטיטוט פֿאַר הומאַניסטישער יידישקייט".

* זונטיק דעם 27-סטן אָקטאָבער 2 נ"מ, לעקציע פון **מאַרק סמיטה** אד"ט "וואָס זאָגט מען וועגן אונדזער ייחוס" (וועגן דער אַנטוויקלונג פון יידיש-לשון). נאָך דער לעקציע איז געווען אַ ברייטע דיסקוסיע.

* * *

דער "אינסטיטוט פֿאַר יידישער שפּראַך" אין לאָס אַנדזשעלעס, צוזאַמען מיט דעם יידישן קלטור-קלוב, האָבן דורכגעפירט צוויי זייער אינטערסאַנטע פּראָגראַמען געווידמעט דער יידישער שפּראַך-אַנטוויקלונג און פּערספּעקטיוון. איין אָוונט, אין חודש נאָוועמבער 2004, מיטן אָנטייל פון פּראָפ' **הירשע דוד קאַץ**, און דער צווייטער אָוונט, אין חודש יאַנואַר 2005, מיט פּראָפ' **גלעד צוקערמאַן** פון קעמברידזש אוניווערסיטעט. איןביידע אָוונטן, וואָס זענען צונויפגערופן געוואָרן אויף דער גיך דורך דער מאָדערנער בליץ פּאָסט, האָבן זיך באַטייליקט אַ צאָל סטודענטן, לערער, ווי אויך פריינד און ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך און קולטור.

פּראָפ' קאַץ איז גוט-באַקאַנט דעם יידישן עולם. נישט לאַנג צוריק האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט בוך אין ענגליש: "ווערטער אין פייער - די נאָך נישט פֿאַרענדיקטע געשיכטע פון יידיש", ווו ער ברענגט אַרויס זיינע געדאַנקען וועגן קיום פו שפּראַך און פּערספּעקטיוון פון לשון. אַרום זיין לעקציע אויף אָט דער טעמע האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטע דיסקוסיע.

פּראָפ' גלעד צוקערמאַן איז אַ יונגער געלערנטער, געבוירן אין ישראל. ער האָט גערעדט וועגן דעם איינפלוס וואָס די יידישע שפּראַך האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון "ניי-העברעיש". אַן אויסגעשולטער לינגוויסט, באַנוצט ער אַ סך טעכנישע טערמינען, וואָס זענען דורך אים דערלאַנגט געוואָרן אויף אַ פּשוטן און פֿאַרשטענדלעבן אופן.

די אינטערסאַנטע אָוונטן האָבן אָנגעפירט **מרים קאָראַל** פונעם "אינסטיטוט" און **לילקע מייזנער** פון יידישן קולטור-קלוב.

די פּאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור-קלוב אין לאָס-אַנדזשעלעס
און די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"
דריקן אויס מיטגעפיל צו אונדזערע חברים

**העלען און יוסף סאָסקי און משפּחה**

צוליבן טויט פון זייער ברודער, שוואָגער, פעטער

**מענדל סאָסקי**

זאָל זיין גוטער נאָמען נישט פאַרגעסן ווערן!

---

צום אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון

**נעכע שלאָסער**

לאַנגיאָריקע מיטגלידערין פון יידישן
קולטור-קלוב, דריקן מיר אויס מיטגעפיל
צו די קינדער, אייניקלעך און שוועסטער

**פראַניע וועלטמאַן מיט איר משפּחה.**

**פאַרוואַלטונג פון יידישן**
**קולטור-קלוב אין ל"א.**

---

## ניינטע קאָנפערענץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע פון יידיש-קלובן

אין חודש יוני 2-5, 2005 קומט פאָר אין מינעאַפּאָליס די ניינטע קאָנפערענץ פון יידיש-קלובן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. עס וועלן זיך פאַרזאַמלען צום לערנען ליבהאָבער פון יידישער קולטור, געשיכטע, מוזיק און שפּראַך. די טעמע פון דער קאָנפערענץ איז: "זיי זענען געקומען אין דער גאָלדענער מדינה, אימיגראַנטישע דערפאַרונג". מיט די פּראָגראַמען וועלן אָנפירן אָנגעזעענע פּראָפעסאָרן און מוזיקער-קלעזמאָרים.

נאָך אינפאָרמאַציע קאָן מען זיך ווענדן צו:

Roz Baker (612) 377-5456 or
Bev Siegel (651) 690-4285 or e-mail: bsweetboy@usfamily.net